שיחות קודש
תשמ"ט

— ד —

שבת פ' חו"ב, י"ב תמוז – ערב ר"ה

•

מאת

כבוד קדושת

אדמו"ר מנחם מענדל

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

שניאורסהאן

מליובאוויטש

הנחת הת' בלתי מוגה



שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושש לבריאה

להערות:

SifreiSichosKodesh@gmail.com

פתח דבר

לתועלת הרבים מוצאים אנו בזה ליקוט מקונטרסי השיחות של כ״ק אדמו״ר זי״ע - ההנחות ד״ועד הנחות התמימים״ שיצאו לאור בשעתם. השיחות הם רשימות השומעים בלבד - ולא הוגהו ע״י כ״ק אדמו״ר (מלבד אלו שמצויין אחרת).

*

הוצאה זו היא צילום מההנחות כפי שיצאו לאור בפעם הראשונה, ולא עלה בידינו לתקן טעויות הדפוס וכיו״ב שנפלו בהקונטרסים. ועוד, שלע״ע עדיין לא מצאנו העתק מכל החוברות שהתפרסמו בשעתו, ובקשתינו שטוחה, מכל מי שיש ברשותו הנחה שלא הגיע לידיינו - שימציאה לידינו בהקדם, ע״מ לזכות את הרבים.

*

במפתח שבראש הספר רשמנו כל השיחות שנאמרו בתקופה הנכללת בספר (כמצויין בדף השער). השיחות המצויות בספר זה רשומות **במדוגש**, ואלו שלע״ע חסרות רשומות בכתב רגיל. בשיחות המוגהות שהתפרסמו בשעתם ציינו כוכב לצידם, ובכמה מהם לא נכללו כ״א חלק מהבלתי מוגה - ההשמטה או ההשלמה - בלבד (היות שחלק המוגה נדפס במקומו - בספר השיחות, בההוספות ללקו״ש, בסדרת תורת מנחם, ועוד). בעריכת המפתח סמכנו ע״פ רוב בספר ״מפתח מאמרים ושיחות״ בעריכת הרה״ת ר׳ יוסף יצחק הלוי שגלוב.

* * *

ויהי רצון, שע״י ״חידוש הישנות״ בתורת כ״ק אדמו״ר, נזכה לשמוע עוד שיחות ומאמרים, בקרוב ממש.

המוצאים לאור

ז׳ אדר ראשון*, ה׳תשע״ו

---

* ראה לקו״ש חכ״א ע׳ 317.

מפתח

ליל ב׳, כ״ה אלול
שיחות ליל ומוצאי ג׳ דסליחות, כ״ו אלול
יום די, ז״ך אלול — לנשי ובנות חב״ד
ליל כ״ט אלול, ערב ראש השנה
ברכה — אחרי קבלת חפ״נ הכללי — ערב ראש השנה (תרמם)



שיחות קודש
תשמ"ט
— ד —

שיחת
ש״פ חו״ב, י״ב תמוז
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

מפתח

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ חוקת-בלק,
חג הגאולה י"ב תמוז ה'תשמ"ט.

הנחת התי בלתי מוגה

[בהמשך למעלת גאולה העתידה (לגבי שאר הגאולות), שבה יגאלו כל בנ"י ממש]:

א. נאך א מעלה ושלימות אין דער גאולה העתידה לגבי די פריער-דיקע גאולות איז - אז די אנדערע גאולות זיינען געקומען אין שלבים, אפילו גאולת מצרים האט זיך אנגעהויבן בחצי הלילה[1], און די יציאה בפועל איז געווען בעצם היום[2], און די שלימות בזה איז ערשט געווען לאחרי זה נאך קרי"ס, ווען "וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים"[3], וואס ערשט דעמולט איז בטל געווארן מורא מצרים מעליהם; משא"כ די גאולה העתידה וועט זיין בבת אחת, תיכף ומיד ממש.

[בענין מזלו גובר ביום הולדת די"ב תמוז]:

ועאכו"כ די דרגות שלמעלה ממזל זיינען דעמולט גובר.

ולאחרי די גאולה בי"ב איז צוגעקומען דער עילוי אז די התגברות (מזלו **גובר**) איז אין אן אופן פון גבורות ממותקות מבחי' חסדים נסתרים וועלכע זיינען העכער פאר חסדים גלויים, כיתרון האור מן החושך.

* * *

[בהמשך להג' ענינים (בקשר לשנת הארבעים) "לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"]:

ב. און פון די ג' ענינים (וועלכע זיינען כולל אלע דרגות בעבודת ה') קומט מען דערנאך צו בחי' ד' כנגד די ד' רגלי מרכבה, און כנגד די גאולה רביעית, וועלכע איז אויך פארבונדן מיט ד' לשונות של גאולה[4], ביז צו דער שלימות פון עשרה בגאולה העתידה - שירה העשירית, "העשירי יהי' קודש", וואס האט אויך א שייכות מיט דעם בעל הגאולה נשיא דורנו.

ובהדגשה בשנת הארבעים, בן ארבעים לבינה, וואס בינה האט א שייכות מיט גאולה, כידוע אז ספירת הבינה איז עלמא **דחירו**, דער ענין הגאולה. ובעבודה - עבודת התשובה, וואס עיקר התשובה בלב

---

1) ראה בא יב, כט ואילך. 2) שם, מא. נא. 3) בשלח יד, ל. 4) ראה ד"ה והי' אור הלבנה תרנ"ד. לכן אמור לבנ"י תרנ"ח. תרע"ח.

(כמבואר בתניא[5], און ער איז דארט מבאר אז אין לב זיינען פאראן שינויים ועליות מדרגא לדרגא) - פארבונדן מיט ״**לב** לדעת״.

און דאס אלץ ווערט נמשך אין אן אופן פון ״ממש״, מיט אלע רמזים שבזה, כולל - ממש מלשון מישוש, וואס ווייזט אויף בחי׳ התחתונים (ווי פארשטאנדיק פון דעם משל אין תניא[6] בנוגע צו שכל שאי אפשר למששה בידים), אז דאס ווערט נמשך באופן של ממשות למטה, אזוי אז מ׳קען דאס אנטאפן מיט די הענט.

און אזוי ווערט אויך בנוגע צו דער גילוי פון פינחס זה אליהו מבשר הגאולה - אז ער ווערט נתגלה באופן פון ממש, ממשות, אלס א נשמה בגוף. וכמבואר בכ״מ (אין ספרים[7] און אין כמה דרושי חסידות[8]) דעם טעם פארוואס אמאל קען אליהו זיין נאר אין איין ארט - בשעת ער דארף זיך מתלבש זיין אין א גוף (באופן של ממש), צוליב כבוד רב המנונא סבא וכיו״ב, במילא קען ער בשעת מעשה ניט זיין אין א צווייטער גוף. משא״כ דאס וואס אליהו געפינט זיך בכל ברית מילה בכמה מקומות בשעה א׳ - איז דאס ניצוצות ממנו כו׳. און וויבאלד אז אליהו כבר עלה בסערה שמימה, דעריבער דארף מען איצטער שוין מער ניט אנקומען צו פירוד הנשמה מהגוף, נאר ער איז דער מבשר הגאולה זייענדיק א נשמה בגוף באופן של ממשות.

* * *

ג. ע״ד ווי מלאכת ההוצאה בכלל איז דער ״מכה בפטיש״ (די נקודה וסך-הכל) פון אלע מלאכות, עד״ז אין מלאכת ההוצאה עצמה, וועלכע באשטייט פון עקירה והנחה, איז דער ״מכה בפטיש״ (דער גמר מלאכה) בשעת ס׳איז דא אן עקירה און א **הנחה**, און אן די הנחה איז דאס קיין מלאכה ניט.

וברוחניות הענינים - בשייכות לכאו״א, אנשים נשים וטף: ס׳איז שוין טויזנטער יארן וואס דער אויבערשטער האט ״עוקר״ געווען אידן מעל שולחן אביהם און זיי געשיקט אין גלות[9]. און הגם אז במשך זמן זה זיינען אידן געגאנגען (מחיל אל חיל) און אנגעקומען און זיך באזעצט אין פארשידענע ערטער, באופן פון ״על פי ה׳ יסעו על פי ה׳ יחנו״, אז דער ענן ה׳ פירט זיי[10] - פונדעסטווע-

---

5) פכ״ט (לו, ב). 6) שעהיוה״א פ״ט (פו, ב). 7) ספר הדרת מלך בסופו. 8) המשך תרס״ו ע׳ קעח. ועוד. 9) ראה ברכות ג, סע״א. 10) בהעלותך ט, יח. וראה קונטרס משיחות ש״פ בהעלותך שנה זו.

גן, איז דאס ניט קיין מלאכה גמורה ביז עס ווערט די ״הנחה״ בשלימות - דורך דעם וואס דער אויבערשטער נעמט ארויס אידן פון גלות (די ״עקירה״) און שטעלט זיי אריין - די ״הנחה״ - אין ארץ הגאולה, ארץ הקודש (כשיחה הידועה פון דעם בעל הגאולה בג׳ תמוז[11])!

וכשם ווי די ״עקירה״ איז געווען בגשמיות בפועל, און ניט נאר די התחלה בזה דורך הובקעה העיר וכו׳, אזוי דארף אויך די ״הנחה״, די גאולה, זיין בגשמיות ממש - אז ״קהל גדול ישובו הנה״ כפשוטו, אלע אין ארץ הקודש, און ניט ווי זיי שטייען אלס אן עם אחד אבער מפוזר ומפורד בין העמים (כאטש אז אויך דעמולט זיינען זיי פאראייניקט מצד דתיהם שונות מכל עם[12]).

ד. ובדוגמת די שלבים צווישן דער ״עקירה״ און ״הנחה״ איז אויך געווען בגאולת י״ב-י״ג תמוז: כאטש אז די התחלה ופתיחה הגאולה (״הנחה״) איז געווען בג׳ תמוז, איז דער בעל הגאולה דעמולט נאר ארויס פון בית הכלא, און געשיקט געווארן לעיר מקלטו, און די שלימות הגאולה (אויך מעיר מקלטו) איז געווען בי״ב תמוז, וואס דעמולט האט דער בעל הגאולה באקומען בשורת הגאולה, און די גאולה בפועל איז געווען למחרתו בי״ג תמוז, און אויך דעמולט האט ער נאך ניט געבענטשט ברכת הגומל לחייבים טובות, ביז נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען לבית דירתו ביום ט״ו תמוז,

[ולהעיר בנוגע דעם ענין פון ״לחייבים טובות״ בקשר מיט דעם בעל הגאולה - אז דאס איז ע״ד ווי עס שטייט[13] בנוגע צו אמירת תחנון פון דעם אריז״ל, כאטש אז ער איז געווען א צדיק גמור און נאך העכער דערפון],

און אויך דעמולט איז נאך געווען א חשש סכנה וקטרוג, דעריבער איז ער געפארן צו מאלאכעווקע, כידוע בפרשת המאסר והגאולה, מיט כו״כ פרטים בזה, וואס זיינען נאך ניט נתפרסם געווארן (מאיזה טעם שיהי׳).

דאס איז אבער אלץ געווען בשנה ההיא, אז ס׳האט געדויערט א משך זמן צווישן דער ״עקירה״ און דער ״הנחה״ בשלימותה (שלימות הגאולה). משא״כ איצטער ווערט אויפגעטאן די ״הנחה״ בתכלית השלימות תיכף ומיד ממש, אן קיין הפסק זמן,

---

11) תרפ״ז - נדפסה בסה״מ תרפ״ז ע׳ קצו. ובכ״מ. 12) אסתר ג, ח. 13) טעמי המצוות פ׳ קדושים.

[ע״ד המבואר[14] בנוגע צו עיבור לע״ל, אז דאס וועט געדויערן ט׳ שעות אנשטאט ט׳ חדשים, ביז נאך שנעלער - ע״ד ווי בתחלת הבריאה, ונגש חורש בקוצר].

און איצטער ווערט דאס אלץ אויפגעטאן אן קיינע בלבולים, און אפילו אן קיינע מניעות און אפילו אן קיינע עיכובים, נאר בתכלית השלימות - מתוך מנוחה ושמחה,

ובפשטות, אז אלע עניני עבודה פון א אידן, ווען ער מאכט א ברכה, אדער זאגט לחיים ולברכה, אדער א ברכה אחרונה וכיו״ב - ווערט דאס אלץ געטאן מתוך מנוחה ושמחה בשלימותה,

ביז אז תיכף ומיד ממש - און נאך שנעלער פון דעם זמן וואס עס נעמט זאגן די דריי ווערטער, ״תיכף״, ״ומיד״ און ״ממש״ - קומט די גאולה האמיתית והשלימה, ולא עכבן אפילו כהרף עין.

[בענין קשר הגאולה עם חוקי אוה״ע]:

ה. וידוע אויך אז די גאולה איז געקומען בהשתדלות פון אוה״ע - (נוסף אויף דער השתדלות בזה פון אידן הקרובים למלכות).

* * *

[שיחה ד׳ (ע״ד צרפת), שיחה ה׳ (ע״ד ההכרזה בנוגע לחג הגאולה בבית הנבחרים של מדינה זו) ושיחה ו׳ (ע״ד עריכת התוועדויות בהמשך לי״ב תמוז) - נכללה בשיחה המוגהת שנדפסה לעיל].

* * *

[לאחרי שנזכר ע״ד ענין בניית בנינים, אמר:]

ו. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, זאלן איצטער ארויפגיין און מסביר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און מזמין זיין די מסובים כאן. ועוד והוא העיקר - אז מהם יראו וכן יעשו רבים.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה גו׳״].

* * *

ז. לאחרי השיחה ע״ד לימוד תורתו של בעל הגאולה, ובפרט שזע״ל ספר חדש שלו - ספר השיחות וכו׳ - הורה כ״ק אדמו״ר שליט״א להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

---

14) ראה יהל אור ע׳ תריט.

אח״כ אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א בצרפתית שהאורחים מצרפת יאמרו ״לחיים״. ואח״כ התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״האדרת והאמונה וכו׳״.

* * *

ח. עס זיינען דא אויך פאראן אורחים וועלכע זיינען אנגעקומען פון ארץ הקודש, וידוע אז מ׳דארף אויף דעם האבן א טעם והיתר מיוחד.

איז לכל לראש - תבוא עליהם ברכה אויף דעם וואס זיי זיינען אהערצו געקומען צו זיך משתתף זיין אין חגיגת הגאולה בד׳ אמות פון דעם בעל הגאולה.

און אויב עס זיינען נאך דא ספיקות וואס קענען מבלבל זיין - זאלן זיי זאגן ״לחיים״, און זינגען אן ארץ ישראל׳דיקן ניגון, ובצירוף פון דעם גאנצן קהל. ויהי״ר אז דער סיום הניגון זאל מען אלע פארענדיקן זינגען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, על הר הקודש, בביהמ״ק השלישי.

[האורחים שי׳ מארץ הקודש אמרו ״לחיים״ וניגנו ״הושיעה את עמך״].

* * *

ט. [כ״ק אדמו״ר שליט״א חייך ואמר:]

אויך די אידן פון חוץ לארץ, ואני בתוכם, זאלן זאגן ״לחיים״ צו נשיא דורנו בעל הגאולה, און מ׳זאל בקרוב ממש זוכה זיין - אלס נשמות בגופים בלי הפסק - צו דער גאולה העתידה.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א אמר ״לחיים״, וכן כל הקהל (וכ״ק אדמו״ר שליט״א השתדל לענות לכל א׳ ״לחיים ולברכה״ גם לאחרי הברכה אחרונה, ולפני תפלת מנחה).

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

———— * ————

לזכות

כ״ק אדמו״ר שליט״א

*

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ״י שליט״א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת ״מיהו יהודי״, ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי - התגלות מלך המשיח - נאו!

*

נדפס ע״י

החתן התמים **גבריאל אלכסנדר** שיחי׳

נמדר

והכלה מרת **לאה** תחי׳

לאווענטהאל

לרגל בואם בקשר השידוכין

בליל כ״ף אייר

תהא שנת משיח טובה

*

ויה״ר שיזכו לגרום נחת לכ״ק אדמו״ר שליט״א

הכתובת לחשיג ת״התנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 0-3-9606887

בחו״ל: **VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213**
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ פינחס, י״ט תמוז
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

מפתח

בס״ד. השלמות לשיחת ש״פ פינחס, י״ט תמוז ה׳תשמ״ט.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

[בנוגע ל״טרם יקראו ואני אענה״ שהתפללו כתפלת שבעה עשר בתמוז]:

א. ווי גערעדט דעמולט (בשבעה עשר בתמוז), און שוין אפגעדרוקט אין אותיות מרובעות.

ויה״ר אז עס זאל שוין זיין די שלימות פון מרובע - די ד׳ רגלי המרכבה, אין דער גאולה **הרביעית**, וואס קומט נאך דער גלות הרביעית.

[בענין בקושי התירו לדבר דברי תורה בשבת]:

וכידוע די שאלה בזה: עבודת ה׳ דארף דאך זיין בכל רגע ורגע - איז ווי איז דאס געווען בשבת קודם ההיתר (לדבר דברי תורה בשבת)? איז דער ביאור אין דעם, אז עיקר עבודת ה׳ בשבת איז - עבודת התפלה (איינער פון די שלשה קוים אין עבודת ה׳).

און עבודת התפלה איז אויך די פתיחה צו די אנדערע קוי עבודה - צו קו התורה, דנוסף על זה וואס עס דארף זיין ״ברכו בתורה תחלה״[1] (ענין התפלה), איז דער סדר העבודה בכל יום מבית הכנסת לבית המדרש, און דערנאך (גיט עס אויך כח אין) - הנהג בהן מנהג דרך ארץ (קו פון גמילות חסדים).

[בענין ״ביום שמחתכם״, שנקראת על שמם, ולא כמו ״שמחתנו״]:

ע״ד ווי מ׳געפינט עס בנוגע צו מגילת אסתר - וואס איז געווען בזמן הגלות, אכתי עבדי אחשורוש אנן [וואס דוקא דורך דער ירידה אין גלות ווערט אויפגעטאן די מעלה פון שמחה ״עד דלא ידע״] - אז דאס ווערט אנגערופן על שם אסתר דוקא, און ניט מגילת אסתר ומרדכי.

[בהמשך לענין פינחס זה אליהו, מבשר הגאולה]:

און דורך לייענען וועגן דעם אין תורה (מיט עטלעכע שעה צוריק) - טוט עס אויף דעם ענין בפועל, כמאחז״ל[2] כל העוסק בתורת כו׳ כאילו כו׳ - אז פינחס זה אליהו קומט בפועל, און מ׳איז מקריב די קרבנות וואס רעדן זיך בפרשתנו, ותיכף ומיד ממש, בזריזות,

ובפרט אז אידן זיינען ״ממלכת כהנים״[3], וואס כהנים זריזין

---

1) ראה נדרים פא, א. ב״מ פה, ריש ע״ב. 2) מנחות בסופה. 3) יתרו יט, ו.

הן[4], ובפרט לויט דעם פירוש בזה אז דאס גייט אויף כהנים גדולים, וועלכער איז אויך גדול אין דעם ענין הזריזות פון כהנים -

אז תיכף ומיד ממש, ממש מלשון מישוש - באופן אז מ׳קען דאס אנטאפן מיטן חוש המישוש - נאך פאר סיום התוועדות זו, און נאר פאר דעם סיום פון דער שיחה און דיבור - קומט די גאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש.

און פון פ׳ פינחס, קומט מען דערנאך צו פ׳ מטות-מסעי (וואס מ׳גייט באלד אנהויבן לייענען בתפלת מנחה) - אז יעדער איד שטייט מיט א תוקף פון ״מטות״ אין אלע ענינים פון תומ״צ, און ס׳איז דא דער ענין פון ״מסעי״, אז מ׳איז מסיים די אלע מסעות אין גלות, אנהויבנדיק פון דעם ערשטן מסע ארויסגייענדיק פון מצרים, וע״פ ה׳ יחנו וע״פ ה׳ יסעו וכו׳.

און דערנאך, אויך לאחרי הגאולה, איז מען עולה בדרגא אחר דרגא, ווארום היות אז זי איז א גאולה האמיתית און אויך השלימה, איז די אמת׳ע שלימות בשעת מ׳איז עולה העכער און העכער מחיל אל חיל, ביז ״יראה אל אלקים בציון״, עד שלא בערך.

און אלע אידן גייען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, בביהמ״ק השלישי, וקודש הקדשים, וואס דארטן ליגן די שברי הלוחות (שנשתברו בשבעה עשר בתמוז), מיט די אלע מעלות שבזה, צוזאמען מיט דער מעלה פון די לוחות שלימות, און עס ווערט אויפגעטאן שלימות אויך אין די שברי לוחות (ע״ד ״בריתי שלום״, אויך מלשון שלימות),

ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין הב׳ פירושים ב״וראו כל עמי הארץ״, לשון עתיד (וא״ו המוסיף) און לשון עבר (וא״ו המחבר)]:

ב. וואס לויט דעם פירוש אז דער ״וא״ו״ איז א וא״ו המחבר, ווערט דאס א וא״ו המהפך דעם ענין פון ״וראו״ לשון עתיד צו ״וראו״ לשון עבר.

ועד״ז בנוגע צו כללות ענין הגלות - אז דאס ווערט נהפך צו א דבר שבעבר, ווארום לאחרי וואס ס׳איז שוין דורך א ריבוי מופלג שנים פון גלות, מער ווי אלף שנים (כ״יום דוהו״), און מערער פאר

4) שבת כ, א. וש״נ.

1900 יאר - איז שוין זיכער די צייט אז גלות זאל בלייבן שטעקן אין עבר!... אבער אין אן אופן אז עס בלייבט אויך ווייטער די תוצאה טובה פון מהפך זיין (דעם וא״ו המוסיף צו א וא״ו המחבר -) גלות צו גאולה (דורך אריינשטעלן אין ״גולה״ דעם ״אל״ף״ פון אלופו של עולם).

וכל זה תיכף ומיד ממש, אז עס קומט גלייך די גאולה, אזוי אז דאס ווערט אויך אן ענין שבעבר, כולל דעם ענין פון פינחס זה אליהו מבשר גאולה - אז דאס ווערט נתבשר לשון עבר. וע״ד ווי די גמרא זאגט אז ״הרואה פינחס בחלומו פלא נעשה לו״, ופרש״י - ״כמו שנעשה לפינחס״, אן ענין וואס איז שוין געווען בעבר. וואס דאס גיט נאכמער כח אז דאס זאל אזוי זיין בהוה ובעתיד, במכ״ש פון מאי דלא הוה הוה, עאכו״כ מאי דהוה הוה,

ולאחרי זה וואס די גאולה ווערט א דבר שבעבר, קומען צו נאך העכערע עליות בזה בעתיד, אזוי דרגא למעלה מדרגא, שלימות למעלה משלימות.

ווי ס׳איז אויך מודגש אין דעם נאמען ״יצחק״ לשון עתיד, וועלכער איז פארבונדן מיט די גאולה העתידה, אז אויך לאחרי הגאולה, ווען דאס ווערט א דבר שבעבר - בלייבט ״יצחק״ לשון עתיד, צוליב די ווייטערדיקע עליות עד אין קץ וואס קומען שטענדיק צו, ביז שלא בערך צו די עליות שלפנ״ז.

און לאחרי וואס דער גלות ווערט א דבר שבעבר - מיט אלע מסעות אין גלות (״מסעי״) - ווערט דער לאלה תחלק הארץ (ווי עס רעדט זיך בפרשתנו) - די חלוקת הארץ לעתיד לבוא, צו די אלע י״ב שבטים, און אויך צו דעם שבט הי״ג, שבט לוי - ווי עס שטייט אין נבואת יחזקאל[5] [וואס איז פארבונדן מיט שיעורים הקבועים בימים אלו], אבער אין אן אופן אז די נבואה ווערט מקויים בפועל - אזוי אז דאס איז ניט קיין נבואה על שם העתיד, נאר א דבר שבהוה ובעבר, ניט ״תחלק״ בעתיד, נאר בעבר.

[בענין עשרה שיושבים ועוסקים בתורה]:

וואס עשרה איז כולל אלע סוגים פון אידן וועלכע טיילן זיך בכללות בעשר סוגים, כמפורט אין פ׳ אתם נצבים היום כולכם - אין אן אופן אז אלע עשר סוגים זיינען ״נצבים היום״, היום דוקא - וואס מיינט היינט ממש (ווי א בן חמש טייטשט אפ בפשטות)!

---

5) מח, א ואילך. וראה ב״ב קכא, ב.

[בענין מצוות אנשים מלומדה]:

דאס הייסט, ניט מצוות אנשים מלומדה אין אן אופן אז דאס איז אן א חיות וכו׳, נאר ווי דאס איז ביי א קינד - וואס דעמולט איז דא אן ענין למעליותא - וואס א קינד איז מקיים א מצוה מיט דער גאנצער תמימות און חיות וכו׳. ביז אז ער איז שייך דוקא צו ״אליו״ ולא למדותיו, ביז צו עצמות ומהות, כמבואר בתו״א[6].

[בהמשך לסיום הפרק ״ה׳ ימלוך לעולם ועד]:

ג. ולאחרי סיום הפרק זאגט מען ״רצה הקב״ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות״. דאס הייסט, אז אויך לפני זה פעלט ניט ח״ו בא אידן, נאר וויבאלד אז דער אויבערשטער וויל ״לזכות את ישראל״ (אז ער זאל מזכה זיין אידן) - דעריבער **הרבה** להם תורה ומצוות, סיי דער ענין התורה דורך וועלכע א איד ווערט פאראייניציקט מיט תורה און מיט דעם אויבערשטן, ביחוד נפלא שאין כמוהו נמצא כלל כו׳, און סיי מיט מצוות, וועלכע טוען אויף צוותא וחיבור פון דעם אידן (עושה המצוה) מיט דעם אויבערשטן, און דער אויפטו פון מצוות איז - אז דאס ווערט נמשך אין גשמיות העולם, ובפרט דורך מצוות מעשיות [וואס לע״ל וועט זיין מעשה גדול],

ביז אז דאס ווערט נמשך אויך אין עולם כפשוטו, ניט ווי דאס שטייט אין דער מצוה (ווי דער שי״ן אין תפילין), נאר אין בחי׳ צדי״ק (כנ״ל) - אז עס ווערט ״ה׳ ימלוך לעולם ועד״.

* * *

ד. מ׳האט גערעדט פריער וועגן דעם ענין פון בניית בנינים. והיות אז מפקחים על צרכי ציבור בשבת, כולל אויך די פעולות פון א יחיד, וואס זיכער איז כדאי זיי מצרף זיין צו פעולות הציבור (ווארום ״אל תפרוש מן הציבור״[7], ובפרט ווען עס רעדט זיך וועגן ענינים ומעשים טובים) - איז כאן המקום צו נאכמאל מעורר זיין וועגן דעם [המשך הענין נדפס לעיל].

[בענין דירה נאה מרחיבה דעתו של אדם]:

דעת האט אין זיך צוויי ענינים: א) פון דעת ווערן נולד די מדות, אהבה וענפי׳ ויראה וענפי׳, ב) מלשון והאדם ידע את חוה, לשון התקשרות, שמקשר דעתו בקשר חזק כו׳[8].

---

6) יד, א. 7) אבות פ״ב מ״ד. 8) תניא ספ״ג.

[בהמשך לענין י״ט בחודש תמוז]:

ה. דער שיעור תהלים פון י״ט בחודש [פון די שיעורי חת״ת כתקנת כ״ק מו״ח אדמו״ר, בעל יום הולדת והברית והגאולה] הויבט זיך אן[9] ״תפלה למשה איש האלקים״, וואס ״איש האלקים״ איז דער טייטש, ניט אז זיי זיינען צוויי באזונדערע זאכן וואס קומען צוזאמען אין א זמן ומצב מסויים, נאר אז זיי זיינען איין זאך - ״איש האלקים״. און אין דעם גופא קומט צו דער ענין פון ״תפלה למשה״, א תפלה פון משה [וואס זי איז פון די ״אחד עשר מזמורים כו׳ (ש)משה אמרם כו׳״[10]], וואס אויף משה שטייט ״נתן מלחמו גו׳״, באופן של נתינה בעין יפה.

און דער מזמור איז מסיים ״ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו״, וואס דער פסוק איז פארבונדן מיט דער שלימות המשכן והמקדש - כמבואר בחז״ל[11], אז לאחרי די שבעת ימי המילואים און עבודת יום השמיני, און די כניסה ויציאה פון משה ואהרן במשכן - איז לאחרי כל זה נאך ניט געווען השראת השכינה, האט מען מתפלל געווען און געבעטן ״ויהי נועם ה״א עלינו ומעשה ידינו״, ״יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם״ - אז בחי׳ נועם שלמעלה (וואס איז העכער פאר דער אתעדל״ע וואס קומט ע״י אתעדל״ת) זאל זיין עלינו ומעשה ידינו, און ידינו לשון רבים. ובלשון חז״ל[12] - גדולים מעשה צדיקים יותר ממעשה שמים וארץ, וואס מעשה שמים וארץ איז ביד אחד אחת און מעשה צדיקים איז בשני ידים, ימין ושמאל (למעליותא), מצות עשה ומצות לא תעשה, סור מרע ועשה טוב.

[בסיום השיחה]:

ה. די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח אלקים ואנשים - זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן דעם וכו׳.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות כו׳ התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״. אח״כ צוה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. אח״כ התחיל לנגן ״ניעט ניעט ניקאווא״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, זאלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

---

9) מזמור צ. 10) מפרשי תהלים שם. 11) פרש״י שמיני ט, כג. 12) כתובות ה, א.

לעילוי נשמת

ר׳ **יהושע** ב״ר **צבי אלימלך** ע״ה

העכט

נפטר מוצש״ק פ׳ פינחס, כ״ב תמוז ה׳תשי״ג

ת.נ.צ.ב.ה.

ולעילוי נשמת

הר״ר **ברוך** ב״ר **אליהו** ז״ל

גרינהוט

נפטר כ״ב תמוז ה׳תשל״ה

ת.נ.צ.ב.ה.

•

נדפס ע״י

הרה״ת ר׳ **אברהם דוב** וזוגתו מרת **ליבא** שיחיו

העכט

הכתובת לחשיג ״התנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 0-3-9606887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ מטות מסעי
מבה"ח מנחם-אב
ה'תשמ"ט

•

הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

מפתח

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ מטו"מ, מבה"ח מנחם-אב ה'תשמ"ט.

הנחת התי בלתי מוגה

[בענין חיוב עונג שבת ואין עצה בה]:

א. און וויבאלד אז דאס איז א ציווי של הקב"ה, גיט דער אויבערשטער זיכער די כחות אויף דעם, כמאחז"ל[1] "איני מבקש כו' אלא לפי כחן", אז נאך איידער דער אויבערשטער בעט און מאנט עפעס, שאצט ער פריער אפ די כחות פון דעם מענטשן, און ער מאנט פון דעם מענטשן לויט זיינע כחות.

וואס אזוי איז דאס בנוגע צו אלע עניני עבודה און מעשים טובים פון א מענטשן, אפילו אין ימי ועניני חול, עאכו"כ ביום השבת, וואס מקדשא וקיימא[2].

ועאכו"כ אין מעשים טובים וועלכע האבן א פעולה נמשכת, ווי דער ענין החינוך - וועלכע האט א פעולה אויף א גאנצן לעבן, ובפרט בשעת דער מחונך ווערט אויך א מחנך לאחרים, באופן פון נרות להאיר. ועד"ז אויך אין דעם ענין פון עסקנות ציבורית, וועלכע האט א השפעה אויף מערערע מענטשן ובאופן הנמשך. [המשך הענין נדפס לעיל].

[בענין כח הבחירה אמיתית שישנו אצל בנ"י]:

וכמבואר אין רמב"ם, דער "מורה נבוכים" פון זיין דור און פון אלע דורות, כולל די דורות האחרונים פון חשכת וקושי הגלות, וואו מ'דארף אנקומען במיוחד צו "מורה נבוכים". ובפרט בשנים האחרונות ווען מ'זעט אז ס'איז הולך ונתרבה דער לימוד הרמב"ם באופן קבוע בכל יום, ג' פרקים ליום, אדער פרק א' ליום, אדער אין ספר המצוות - די ספרים עיקריים פון דעם רמב"ם (בעניני תומ"צ).

* * *

[בענין "מכה נפש בשגגה"]:

ב. ובפרט אין די טעג פון "בין המצרים, וואס דעמולט שטייען אידן בהתעוררות ("מן המיצר קראתי י-ה"), במילא שטעלט זיך דער "קלוגינקער" נאכמער אנטקעגן און וויל מבלבל זיין א אידן.

[בענין "ושפטו העדה גו' והצילו העדה"]:

ובפשטות - אז די עדה קדושה פון אידן דארף מלמד זכות זיין

---

1) במדב"ר פי"ב, ג. 2) ביצה יז, א.

[ביז אז ״והצילו העדה״ איז א תנאי אין דעם ״ושפטו״] אויף דעם ״מכה נפש״,

כולל ובמיוחד אין די ״בין מצרים״ - דער ״ושפטו״ אז לויט אלע חשבונות איז שוין ״כלו כל הקצין״[4] און עס דארף קומען די גאולה.

ואע״פ אז די גמרא[4] גיט צו ״ואין הדבר תלוי אלא בתשובה״, האט דער איד שוין זיכער תשובה געטאן, און אידן בכלל האבן תשובה געטאן, און א ריבוי תשובה, ובמילא האט מען די הבטחה אז בשעת ישראל עושין תשובה - ״מיד הן נגאלין״.

און די ״טענה״ אז עס פעלט נאך אין דער עבודה פון אידן - איז פשוט היפך האמת און היפך המציאות, ווארום נוסף צו קיום התומ״צ בכלל, האבן אידן **מרבה** געווען אין תורה עבודה וגמילות חסדים, אין דעם ״**הרבה** להם תורה ומצוות״ (ווי מ׳זאגט בסיום הפרק), און אויך אין ״והעמידו תלמידים **הרבה**״.

במילא שרייען אידן ״עד מתי״?! עס דארף שוין קומען ״צוגיין״ די גאולה, און ניט באופן פון עקב בצד אגודל, נאר די גאולה זאל ״ארייַנטאנצן״ בזריזות ממש, אז תיכף ומיד ממש קומט משיח צדקנו [וועלכער איז א בשר ודם, העוסק בתורה כדוד אביו וכו׳[5]] - דורכן טויער, דורכן פענצטער אדער דורכן דאך, ס׳איז קיין נפק״מ ניט באיזה אופן שיהי׳ - אבי ער זאל שוין קומען!

וכאמור - תיכף ומיד ממש, נאך אין דעם שבת פ׳ מטות מסעי שנה זו, שנת תשמ״ט ידיך, אז דער אויבערשטער איז משמיט אלע חובות פון אידן, וועלכע זיינען סיבת הגלות (״מפני חטאינו גלינו מארצנו״), און בשעת עס ווערט בטל די סיבה ווערט בדרך ממילא בטל דער מסובב,

ובפרט אז שנה זו איז אויך א הכנה צו שנת תש״נ, תהי׳ שנת נסים, אזוי אז משיח קומט שוין בשנה זו, וועט די שנה שלאחרי זה זיין א שנת נסים,

און אלע אידן, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, גייען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, לביהמ״ק השלישי, און אלע צוזאמען - קהל גדול[6].

* * *

---

3) הל׳ תשובה פ״ה-ו. 4) סנהדרין צז, ב. 5) רמב״ם הל׳ מלכים ספי״א. 6) ירמי׳ לא, ז.

[בענין "ועשו לי מקדש" ע"י בניית בנינים]:

ג. עיקר הפעולה אין עשיית המשכן ומקדש איז דורך אידן - ווי דער ציווי איז "ועשו לי מקדש" [וואס דאס גייט אויף אלע בתי מקדשות, דער משכן, בית ראשון ובית שני ובית שלישי), ובפרט לויט דעם פירוש[7] "ועשו לי - **לשמי**", וואס דאס גייט בפשטות אויף אידן (ווייל עס פאסט ניט זאגן "לשמי" אויף א פעולה פון דעם אויבערשטן - דאס איז ניט "לשמי", נאר ער אליין).

[בהמשך לענין על שלשה דברים העולם עומד וקיים]:

ובפרט דורך תינוקות של בית רבן, וואס "אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן"[8], וואס אויף זיי שטייט[9] "אל תגעו במשיחי", ווייל זיי זיינען בדוגמא צו משיח צדקנו.

ובפרט אז מ'האט אויך מוסיף געווען אין פעולות פון "והעמידו תלמידים הרבה", כולל - די נוכחים כאן, ובפרט ביי א חסיד'ישער התוועדות, וואס איז נאך גרעסער פאר פעולת מלאך מיכאל[10], שרם של ישראל, און מיכאל בגימטריא ק"א וכו' (כמדובר כמ"פ הענין בזה).

ד. כאן המקום צו מעלה זיין מלמטה למעלה די בוטלעך משקה, און אויך די וואס האבן צוגעשטעלט די משקה זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה, און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך.

ויה"ר אז די הוספות אין "מעשינו ועבודתינו" - זאלן נאכמער ממהר זיין די גאולה. - דער טעם פארוואס מ'רופט דאס אן "מעשינו ועבודתינו", אע"פ וואס זיי זיינען לכאורה פעולות פון **יחידים**, איז - ווייל אלע אידן און זייערע פעולות ווערן נצטרף צוזאמען מצד "ואהבת לרעך כמוך", ווי מ'זאגט בכל יום בבוקר (פאר "מה טובו") "הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך", ווי דער אלטער רבי האט אריינגעשטעלט אין זיין סידור, השוה לכל נפש, פאר גדולים און פאר קטנים,

[און דערפון קומט מען דערנאך צו "מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל"[11], נוסף על זה וואס דאס גייט בפשטות אויף "אוהליך" און "משכנותיך" פון אידן בפשטות, איז דאס אויך כולל

---

7) פרש"י תרומה כה, ח. 8) שבת קיט, ב. 9) דה"א טז, כב. 10) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' תיא ואילך. 11) בלק כד, ה.

דעם משכן ומקדש].

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה". אח"כ צוה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווערן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

— * —

הנחת הת' בלתי מוגה

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת לחשיג ח"יתנחותי"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ ואתחנן
שבת נחמו
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

מפתח

בס״ד. השלמות לשיחת ש״פ ואתחנן, שבת נחמו ה׳תשמ״ט.

הנחות הת׳ בלתי מוגה

[בענין ההוספה בעבודה באופן דכפליים לתושי׳]:

א. ובפשטות - דורך עבודת התשובה (וואס ענינה איז כפליים לתושי׳), במיוחד - שטייענדיק אין דער התחלה פון די שבע דנחמתא (נאך די שלשה שלפנ״ז), און תורה זאגט אז תשובה קען זיין בשעתא חדא וברגעא חדא, דערפאר קען עס זיין תיכף ומיד ממש, בעת דער התוועדות (אינמיטן דער התוועדות, בסוף פון דער התוועדות אדער בתחלת ההתוועדות), און ס׳איז ניטא אין דעם א חשש פון יוהרא - ווארום עיקר התשובה איז **בלב**!

און דורך א הרהור תשובה - נעשה צדיק גמור, כולל הפירוש - גמור מלשון גמר ושלימות העבודה,

ביז אז דורך תשובה ברענגט מען די גאולה - ווי עס ברענגט זיך אין חסידות, אז ״איתא בתיקונים שאפילו אם הי׳ צדיק אחד חוזר בתשובה שלימה בדורו הי׳ בא משיח״.

און מ׳פארענדיקט די עבודה אין ״היום לעשותם״ צו מאכן כלים לאלקות פון אלע עניני העולם, ביז - אז מ׳איז זיך ניט מתספק נאר מיט מאכן א כלי לו יתברך, נאר מ׳מאכט א כלי **טהורה**,

און טהרה מביאה לידי פרישות כו׳, ביז לידי תחיית המתים [כמאמר רבי פינחס בן יאיר, כמדובר בהתוועדויות שלפנ״ז] - די גאולה האמיתית והשלימה, ביום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים,

ובפרט אז מ׳שטייט ביום השבת, ווען מ׳זאגט דאס (יום שכולו שבת כו׳) אין דעם שיר של יום, וואס נוסף צו דעם שיר פארבונדן מיט יום השביעי פון מעשה בראשית (ווי דער שיר פון די אנדערע טעג פון וואך), איז דער שיר אויך פארבונדן מיט דער יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים בגאולה העתידה (כמדובר לעיל),

אזוי אז נאך אין דעם שבת קומט די גאולה בפועל [מ׳דארף אפילו ניט ווארטן פאר יום ראשון (וועלכער ווערט אנגערופן בתורה ״יום אחד״, לפי שבו ביום הי׳ הקב״ה יחיד בעולמו)] - די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו [וואס ער קומט פון שבט יהודה,

וואס ״יהודה״ איז אין זיך כולל דעם שם הוי׳ בתוספות אות דל״ת באמצע, כנגד די ד׳ גליות, וועלכע מ׳מאכט איבער צו ד׳ גאולות].

[בענין כפליים לתושי׳]:

און אע״פ אז תושי׳ איז פון לשון מתישין (אפשוואכן) - קען מען דאך ניט טייטשן אז דאס גייט אויף דער גשמיות פון א אידן ח״ו, ווייל דעמולט איז דאס היפך פון ״ונשמרתם מאד על נפשותיכם״, נאר דאס גייט אויף דעם ענין החומריות - אז מ׳שוואכט אפ ביז מ׳איז מבטל דעם ענין החומריות, אזוי אז עס בלייבט איבער נאר דער ענין הגשמיות, און אפילו לאחרי ביטול החומריות - איז אויב ס׳איז נאך דא אן ענין פון תושי׳, איז דאס בכדי מבטל זיין די חומריות וואס האט נאך א קשר מיט דער גשמיות, און די גשמיות ווערט א כלי צו רוחניות.

[בענין תיקון חטא הראשון של אדה״ר (ע״י ערי מקלט דלע״ל)]:

וואס יעדער איד איז בדוגמת אדם הראשון, ווי די משנה זאגט אין מס׳ סנהדרין [ולהעיר מהשייכות פון סנהדרין צו דער גאולה העתידה, ווען עס וועט זיין ״ואשיבה שופטיך כבראשונה״].

[בענין קריאת הפרשה בתורה]:

לאחרי הקדמת ברכת התורה, ״נתן לנו את תורתו״, און הגם אז דאס איז בלשון עבר, זאגט מען דערנאך - ״נותן התורה״ לשון הוה, ווארום די נתינה ווערט נתחדש בכל רגע מחדש, ביז מ׳איז זוכה צו די נתינה חדשה פון ״תורה חדשה מאתי תצא״.

[בענין עבודה באופן דכפליים]:

ובפרט דורך דעם וואס מ׳איז זיך אין דעם (די עבודה באופן פון כפליים) מצרף מיט נאך א איד - ווערט כפליים בפשטות, אנהויבנדיק אין דעם ענין פון לימוד התורה, שנים שיושבין ועוסקין בתורה [נוסף אויף דעם ״שנים״ אין דעם אדם עצמו - ״בכל לבבך בשני יצריך״], ובאופן פון עסק דוקא (ווי דער דיוק פון ב״ח, געבראכט אין חסידות).

און נוסף אויף כפליים אין דער אייגענער עבודה, ״בכל נפשך״, און כפליים אין דער עבודה פון די צוויי יצרים - ״בכל לבבך בשני יצריך״, טוט ער בכפליים אויך בעבודתו בחלקו בעולם, ״בכל מאדך״, בכל ממונך, אז ער נוצט זיינע געלט אויך מוסיף זיין בכפליים אין

קיום המצוות בהידור, התנאה לפניו במצוות, כמ״ש זה א-לי ואנוהו,

ווי אין מצוות תפילין (וועלכער שטייט בהמשך פרשת שמע) דורך האבן תפילין מהודרים, סיי תפילין דרש״י און סיי תפילין דר״ת, און אזוי אויך בנוגע צו די וואס זיינען מניח ד׳ זוגי תפילין (אויך תפילין דשימושא רבא וראב״ד),

וואס פון די ד׳ (זוגי תפילין) קומט מען צו דער דרגא החמישית, וחמישית לפרעה, יחידה שבנפש, וועלכע איז כולל און ווערט נמשך אין די ד׳ דרגות נרנ״ח פון דער נשמה.

ביז מ׳קומט צו המשך הפרשה (שמע) ״וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך״, די עבודה פון מאכן זיין בית ושער א כלי לאלקות [ולהעיר, אז אין ארץ ישראל הויבט זיך דאס אן גלייך, ווי דער דין איז אז קביעת המזוזה אין א בית בארץ ישראל איז גלייך, און מ׳ווארט ניט שלשים יום, ווי אין חוץ לארץ].

[בהמשך לשבע דנחמתא]:

און פון התחלת שבע דנחמתא גייט מען אריין אין חודש אלול, מיט די אלע רמזים ור״ת שבו, אנהויבנדיק פון אלול ר״ת ״אני לדודי ודודי לי״, וואס אונטערשטרייכט די הקדמה ומעלה פון עבודת התחתון (״אני לדודי״), און דערנאך - אין חודש תשרי, ווען עס ווערט שלימות מחילה סליחה וכפרה פון אידן, וואס התחלתה איז אין די שבע דנחמתא, אנהויבנדיק פון שבת נחמו.

[סיום השיחה]:

ויה״ר אז פון דעם דיבור אין די ענינים - וואס אויך דער דיבור קומט לאחרי א מחשבה אמיתית - זאל עס ארויס אין מעשה בפועל, אז אויך למעלה זאל ארויסקומען פון מחשבה ודיבור - די מעשה בפועל פון דער גאולה האמיתית והשלימה,

און אלע אידן, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, גייען אין ארץ הקודש, און דארטן גופא - אין דער עיר הבירה, ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ״ק השלישי, וקדש הקדשים, וואו עס שטייט דער ארון הברית מיט די לוחות הברית, באופן של חקיקה עולמית, וממנה אורה יוצאה לכל העולם כולו,

און אויך איצטער - אין דער עבודה פון ״היום לעשותם״, דארף זיך אנהערן בכל פרט ופרט שבה, ווי דאס איז א הכנה וואס פירט צו

"למחר לקבל שכרם", בגאולה האמיתית והשלימה ווען מ'וועט אלע גיין אין ארץ הקודש אין ירושלים וכו' כנ"ל, און ווי דאס דריקט זיך אויך אויס אין דעם דין, אז בשעת התפלה בזמן הזה דארף מען מכוון זיין הפנים כנגד ארץ הקודש, ושם גופא - ירושלים עיר הקודש, ומקום ביהמ"ק וקדש הקדשים.

* * *

[בענין "נחמו" בכפליים]:

מ'האט פריער גערעדט, אז די עבודה בכפליים אלס כלי צו "נחמו" בכפליים - דארף זיין סיי בנוגע צו זיך אליין, און אויך צו משפיע זיין אויף נאך אידן, און זיך מצרף זיין מיט זיי - וכידוע די מעלה וכח פון א ציבור, ובפרט תפלת הציבור, עד כדי כך, אז אפילו אויב איינער קען ניט דאווענען מיטן ציבור, איז דער דין אז ער זאל מכוון זיין צו דאווענען אין דעם זמן ווען דער ציבור איז מתפלל, צוליב דער מעלה פון צירוף עם הציבור [ביז אז מ'איז אויך מצרף די אבות אין דער תפלה - "אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב", אע"פ וואס זיי געפינען זיך אין מערת המכפלה, און מ'דארף האבן א השתדלות מיוחדת בזה, כמובן פון דברי חז"ל].

[בענין טבע בני אדם שמי שיש לו מנה רוצה מאתיים]:

און אפילו אויב ס'איז פארבונדן (די עבובה בכפליים - מאתיים, אדער ד' מאות וכו') מיט א יגיעה און הארעוואניע, וואס דוקא דעמולט ווערט "יגעתי ומצאתי" (ומובן, אז די יגיעה דארף ניט זיין באופן אז ער זאל ווערן אינגאנצן אפגעשוואכט ווייל דעמולט וועט פעלן אין זיין עבודה) - איז ידוע דער משל לזה פון אויפהויבן א שווערע משא פון אבנים טובות ומרגליות, אז בשעת מ'וועט אימעצן זאגן אז מ'וועט דערצו מוסיף זיין נאכמער אבנים טובות און מאכן די משא נאך שווערער - איז בטבע האדם אז ער וועט זיכער מסכים זיין און בשמחה, צוליב די טייערקייט פון די אבנים טובות בא דעם מענטשן.

וואס דאס איז דער טבע אפילו פון ניט-אידן [ווי דאס איז בנוגע צו כמה ענינים - צוליב ענין הבחירה וכיו"ב], עאכו"כ בא אידן וואס זיי נוצן די אבנים טובות ומרגליות און די געלט אויף מוסיף זיין אין צדקה, אין קישוטי כלה, אין א כתר תורה, וכיו"ב.

[בהמשך להוספה בכפליים בקיום המצוות - ע"י הידור מצוה, כמו הנחת תפילין דר"ת וכיו"ב]:

הנחת הת' בלתי מוגה

ועד"ז אויך בנוגע צו נשים וטף אין די מצוות וענינים השייכים להם - אז זיי זאלן זיך משתדל זיין דאס טאן אין אן אופן פון כפליים, מיט הידור מצוה וכיו"ב.

און אזוי אויך דארף מען זיך משתדל זיין משפיע זיין אויף נאך אידן - זיי זאלן אויך טאן זייער עבודה בכפליים, קיום המצוות בשלימות ובהידור, כל א' לפום שיעורא דילי'. - וכמובן אז מ'דארף מיט זיי רעדן מיט אותיות המתאימות ובדרכי נועם ובדרכי שלום, און זיי ניט אפשרעקן, אין אן אופן אז זיי זאלן פארשטיין און וועלן מקיים זיין א הידור מצוה וכו'.

* * *

ג. אויף דעם שבת זיינען אהערצו געקומען כמה אורחים, וואס זיי האבן אונז מזכה געווען מיט קיום מצות הכנסת אורחים, וואס איז גדולה מקבלת פני השכינה.

דעריבער איז מתאים לכל לראש - אז זיי זאלן זאגן לחיים, ומתוך שמחה, וויבאלד אז זיי האבן מזכה געווען אידן מיט מקיים זיין די מצוה גדולה (פון הכנסת אורחים). און דערצו - זאלן זיך צו זיי מצטרף זיין די מסובים כאן, און אויך זאגן לחיים, ומתוך שמחה, וויבאלד אז מ'האט זוכה געווען צו מקיים זיין די מצוה.

ונוסף צו דער מעלה בזה בכלל, קומט צו - בפרט, אז די אורחים זיינען געקומען צו א מקום זכאי - די ד' אמות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואו ער האט זיך עוסק געווען אין תורה עבודה וגמילות חסדים, די שלשה עמודים שעליהם העולם עומד, און ארויסגעגעבן הוראות צו אנדערע בנוגע דער עבודה אין די דריי קוים; און אין א זמן זכאי - יום השבת קודש, וואס מקדשא וקיימא, און דערצו - שבת נחמו, נחמה בכפליים, פ' ואתחנן, י"א מנחם-אב וכו', כמדובר לעיל.

ויה"ר אז תיכף ומיד ממש זאל קומען די גאולה - באופן פון כפליים לתושי' אין זמן, ד.ה. אין א נקודה אחת בזמן (כהרף עין), אבער באופן אז דאס ווערט נמשך בזמן, און אזוי אויך - אין דער נקודה אחת במקום - קדש הקדשים.

דער סדר איז דאך, אז בשעת מ'הייסט אנדערע טאן א זאך, הויבט מען אן פון אליין באוויזן א דוגמא חי' - דעריבער איז אני המתחיל מיט אמירת לחיים - לאחרי אמירת יהי רצון אז מ'זאל מוסיף

זיין אין דעם נאכמער און נאכמער: לחיים, לחיים טובים וארוכים, ביז חיים נצחיים בלי הפסק כלל. לחיים, לחיים ולברכה.

* * *

[לאחרי הענין בקשר עם ט״ו באב]:

ד. כאן הזמן המתאים אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח בקשר מיט החלטות טובות אין עבודה בכפליים און נחמה בכפליים, זאלן ארויפגיין און נעמען די משקה און מכריז זיין וכו׳.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״. אח״כ צוה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. אח״כ התחיל לנגן בעצמו ״ניעט ניעט ניקאווא״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, װעלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

——— * ———

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי — התגלות מלך המשיח — נאו!

נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת לחשיג ח"יתנחותי"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ עקב
ח״י מנחם-אב
ה׳תשמ״ט

•

הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

מפתח

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ עקב, ח"י מנחם אב ה'תשמ"ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין "עקב" מלשון סוף]:

א. ווי דאס איז בפשטות אין תבנית גוף האדם, אז דער **עקב** שברגל איז דער סוף ואחרית פון כל הגוף כולו. וכידוע אז דער גוף האדם איז אויסגעשטעלט ווי דער סדר השתלשלות (את העולם נתן בלבם[1]), און יעדער חלק פון גוף איז כנגד א טייל פון סדר השתלשלות, קומט אויס אז דער עקב שברגל איז כנגד סוף ואחרית פון התשלשל-ות.

וכמבואר אויך אין ספרים (אין ספרי קבלה, ספר חרדים וכו'), אז די אברי הגוף זיינען כנגד די מצוות, און דורך דעם וואס א איד איז מקיים א מצוה כנגד אן אבר מסויים, ווערט דורך דעם אויפגעטאן אין דעם חלק בעולם ובסדר השתלשלות וואס איז כנגד דעם אבר.

און נוסף אויף דעם וואס יעדע מצוה (כנגד אן אבר פרטי) האט איר ענין פרטי, איז זי אויך א חלק פון דעם כלל, און איין פרט איז מסייע די אנדערע פרטים פון דעם כלל (אזוי ווי די אברים פרטיים זיינען אלע א חלק פון איין כלל - כללות האדם), ביז נאכמער - אז זי איז פארבונדן מיט א נקודה עצמית וואס איז העכער פאר כלל ופרט און פאר ענין ההתחלקות בכלל.

דערפון האט מען אויך א מוסר-השכל אין דער עבודה פון א אידן - ער זאל וויסן די אחריות וואס ער האט צו אויסנוצן יעדער פרט פון זיין מציאות לשמש את קוני, וואס אין דעם איז תלוי כל סדר השתלשלות, ביז אז נוסף צו דעם וואס ער טוט אויף אין דעם פרט מצ"ע, און ווי דער פרט איז א חלק פון דעם כלל - איז דאס אויך פארבונדן מיט דער נקודה פון כללות כל הענינים שלמעלה מהתחלקות.

לויט דעם ווערט נאך שטארקער די קשיא בנוגע צו שכר מצוות - וואס פאר א שכר קען מען אפצאלן אויף א מצוה, וואס איזה שכר שיהי' איז שלא בערך צו א מצוה.

[במה שפרש"י ש"עקב" קאי על מצוות קלות שאדם דש בעקביו]:

וויבאלד אז רש"י איז אזוי מפרש אין פשוטו של מקרא, איז פארשטאנדיק אז דאס איז מובן אויך פאר א בן חמש למקרא. און ווי

---

1) קהלת ג, יא. וראה לקו"ת במדבר ה, ריש ע"ב.

מ׳זעט בפשטות, אז אויך ביי א בן חמש זיינען פאראן ענינים וועלכער ער איז מכבד און מייקר, ער האלט זיי טייער, און זאכן וועלכע ער איז ניט מכבד, ביז אז דש עליהם בעקביו.

[בהמשך להב׳ פירושים ב״עקב״, מצוות ושכר מצוות]:

ב. וכמדובר לעיל, אז צוויי פירושים אין איין ווארט האבן צווישן זיך א שייכות. ואפילו ווען איין פירוש שטייט בגלוי, איז דעמולט אויך דא דער צווייטער פירוש בכח ובהעלם.

ובדוגמא צו דעם וואס מ׳האט פריער גערעדט, אז נוסף אויף דעם וואס יעדע מצוה האט זיין ענין פרטי, איז ער אויך פארבונדן מיט כללות כולם, ביז מיט דעם וואס איז העכער פאר פרט און כלל.

ווי דאס איז בנוגע צו יעדער איד, וואס ישראל ר״ת יש ששים ריבוא אותיות לתורה[2] - אז נוסף אויף דעם וואס יעדער איד [אויך אזא וואס חטא - וואס אע״פ שחטא ישראל הוא[3]] האט זיין ענין פרטי, כנגד זיין אות פרטי בתורה, איז ער פארבונדן מיט אלע אידן, אזוי ווי יעדער אות בתורה איז א חלק און פארבונדן מיט כל התורה כולה.

ובדוגמא ווי דאס איז געווען בא יעקב אבינו, וואס ביחד עם זה וואס ער איז געווען א **יחיד**, איז ״נשמתו כו׳ כלולה מכל הנשמות שבישראל״[4], און מעשה אבות סימן לבנים[5], וכמדוברכמ״פ[6]אזדער סימן איז ניט נאר בירור הדבר, נאר דאס טוט אויף און גיט כח אויף עבודת הבנים, ביז אז א סימן קען גאר זיין אויף אן ענין שלא בערך צו דעם סימן אליין [ע״ד הנ״ל אז דער פרט איז פארבונדן מיט א נקודה שלמעלה מכלל ופרט],

ווי רשב״י האט געזאגט אויף זיך ״אנא סימנא בעלמא״[7], זייענדיק א יחיד איז ער א סימן אויף למעלה - א דבר שלא בערך; און אויך ביי אים זעט מען, אז ביחד עם זה וואס ער איז געווען א יחיד, האט ער געזאגט ״יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין״[8],

---

2) מגלה עמוקות אופן קפו. 3) סנהדרין מד, רע״א. 4) אגה״ק ס״ז. 5) ראה תנחומא לך ט. ב״ר פ״מ, ו. רמב״ן לך יב, ו. לקו״ש חט״ו ע׳ 76. וש״נ. 6) ראה צפע״נ על הרמב״ם ריש הל׳ מאכלות אסורות. לקו״ש ח״א ע׳ 222 ואילך. ח״ב ע׳ 375 ואילך. קונטרס משיחת ש״פ וירא שנה זו ס״ג. 7) זח״א רכה, א. וראה סה״מ תקס״ד ע׳ קו. אוה״ת ויחי שנט, א ואילך. המשך תרס״ו ע׳ קנט. ועוד. 8) סוכה מה, א.

ביז אז דורך זיין עבודה פארבונדן מיט פנימיות התורה, און דער המשך לזה פון יפוצו מעינותיך חוצה - ווערט אתי מר דא מלכא משיחא[9].

און מיט די אלע פירושים בזה, וואס כל הפירושים איתנהו בהו, ותן לחכם ויחכם עוד.

ג. און דער עיקר איז - אז דער אויבערשטער זאל געבן אידן שלימות השכר אויף זייער עבודה, וביתר שאת וביתר עוז, כולל ובעיקר - אז יעדער איד באקומט אלע יעודים גשמיים, וכמדובר כמ"פ ובפרט בשנה זו ובפרט לאחרונה,

ובמיוחד - שטייענדיק אין שנת תשמ"ט, תשמט ידיך, און א הכנה צו שנת תש"נ ר"ת תהא שנת נסים.

און בנוגע צו די מקשים אויף דעם וואס מ'זאגט א רמז ור"ת אן אנצייכענען דעם מקור אויף דעם אין ספרים - איז ידוע אז בשעת די ר"ת ברענגט א הוספה אין יראת שמים און עבודת ה', דעמולט האט מען א "רשיון" אויף דעם פון תורה עצמה, ואדרבה - ס'איז א דבר כדאי ונכון. און ווי מ'זעט בפועל בנדו"ד - אז דורך די ר"ת פון תש"נ תהא שנת נסים - איז צוגעקומען אין דער עבודה פון כו"כ מישראל, ובפרט בתור הכנה צו דעם קומענדיקן יאר, וועלכע הויבן זיך שוין אן בשנה זו, ובפרט שטייענדיק קרוב לסיום השנה - אין חודש החמישי, און נאך חמשה עשר באב, וואס דערפון גייט מען אריין אין חודש אלול, דער חודש ההכנה צו שנה הבאה - תש"נ.

ובפרט דורך דער הוספה אין דער עבודה פון אידן, כולל די "סיומים" וועלכע מ'האט געמאכט אין די דריי וואכן און אין די ניין טעג במיוחד, ביז - דערנאך בחמשה עשר באב, פארבונדן מיט סיום מסכת תענית - "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב כו'", און "מכאן ואילך דמוסיף יוסיף", "מוסיף לילות על הימים לעסוק בתורה יוסיף חיים על חייו", כולל א הוספה אין חיים אמיתיים - תורה ומצוותי'.

און דערנאך קומט מען צו דעם שבת נאך חמשה עשר באב, וואס ער איז אויך ח"י אב [ולהעיר פון דעם תואר וואס שטייט בכ"מ אויפן אריז"ל (וואס זיין יום הילולא איז בתחלת חודש אב) - "אריז"ל החי" [ביז אז דאס ווערט שגור בפי כולם, אנשים נשים וטף, ווען

9) אגה"ק הידועה דהבעש"ט - נדפסה בכתר שם טוב בתחלתו. ובכ"מ.

זיי הערן וועגן דעם], א תואר וואס מ׳געפינט ניט (עכ״פ זעלטן) בנוגע אנדערע גדולי עולם וגדולי ישראל, וכמדובר לעיל[10]] - וואס דורך דעם קומט צו נאכמער חיות אין ״יוסיף חיים על חייו״.

און דאס איז אויך א הכנה צו כ״ף אב (וואס א הכנה דארף זיין מעין דער דבר המכין אליו) - דער טאג ווען א משפחה מבית דוד משבט יהודה האט מקריב געווען דעם קרבן עצים, מיט דיביידע דיעות בזה (כמבואר בסוף מס׳ תענית), וואס וועגן דעם קרבן עצים שטייט ניט בפירוש אין תורה, נאר מ׳לערנט עס אפ פון א לימוד מיוחד, אבער ביחד עם זה - ווערט דאס א יום יחיד ומיוחד, א יום טוב, כמדובר כמ״פ.

ד. ויה״ר אז דורך דער הוספה אין מעשינו ועבודתינו, כולל אין אפצאלן שכר מלא אויף א טובה וואס מ׳באקומט מחבירו עם כל הפרטים והתנאים הנ״ל, ובאופן של זריזות,

אנהויבנדיק פון די החלטות טובות וואס מ׳נעמט אן נאך בא דער התוועדות, וואס הגם אז האלטנדיק אין מיטן פארברענגען דארף מען דאס טאן היילנדיקערהייט, און מ׳קען זיך אין דעם ניט מתבונן זיין כראוי, פונדעסטוועגן דארף פון דעם גופא זיין א המשך וקיום לאחרי זה, וע״ד המדובר לעיל אז שכר אמיתי איז ניט אין א צווייטער ענין, נאר אין דעם ענין עצמו (שכר מצוה מצוה), ובאופן נעלה יותר -

איז דורך דעם אלעם זאל דאס צוגעבן אין דער טובה וואס דער אויבערשטער טוט מיט אלע אידן און מיט גאנץ סדר השתלשלות (ע״ד אדם חס על מעשה ידיו[11]),

ביז - דער תשלום שכר מלא פון דעם אויבערשטן (מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומפשטיו לישראל[12]) צו אידן אויף זייער עבודה, ובזריזות וויבאלד אז אלקיכם כהן הוא[13] און כהנים זריזין הן[14], ביז דער שכר העיקרי והאמיתי - די גאולה האמיתית והשלימה.

און פון פ׳ והי׳ עקב תשמעון קומט מען צו פ׳ ראה אני נותן לפניכם היום ברכה גו׳ (ווי מ׳גייט באלד לייענען בתפלת מנחה), און מיט אלע פרטים וואס זיינען מרומז אין דעם פסוק:

״ראה״ - די שלימות ותכלית ההתאמתות פון ראי׳, וואס איז

---

10) קונטרס משיחת ש״פ דברים. 11) ראה ערכין כד, א. 12) תהלים קמז, יט. שמו״ר פ״ל, ט. 13) סנהדרין לט, א. 14) שבת כ, א. וש״נ.

העכער פאר שמיעה (וואס דערפאר איז אין עד (שראה) נעשה דיין[15]). **״אנכי״** - אנכי מי שאנכי דלא אתרמיז בשום אות וקוץ (העכער פאר שם הוי׳)[16]. **״נותן״** - כל הנותן בעין יפה הוא נותן[17]. **״לפניכם״** - לפנימיותכם, די פנימיות פון יעדער איד[18]. **״היום״** - בחי׳ אור היום וואס איז קיים ונצחי[19], העכער פאר אור הנר ואור עראי. **״ברכה וקללה״** - המשכת ברכה, און נוסף אויף דער ברכה גלוי׳, אויך די ברכה הכי נעלית וואס געפינט זיך בלשון של קללה[20] (ע״ד המבואר אין מס׳ מו״ק[21]), וע״ד די מעלה פון עבודת התשובה וואס איז העכער פאר עבודת הצדיקים. ביז אז דערפון - פון בחי׳ אנכי מי שאנכי שלמעלה מכל הפרטים (אות וקוץ) - ווערט נמשך אויך ברכות אין פרטים און פרטי פרטים.

ביז - אז תיכף ומיד ממש קומט די גאולה אין אן אופן אז ״ראה״ - מראה באצבעו ואומר זה - אט איז משיח צדקנו אריין במקום ובזמן זה, דער מקום וואו נשיא דורנו האט עובד געווען עבודתו במשך עשר שנים, א תקופה שלימה פון עשרה, עשירי יהי׳ קודש, ובהמשך לזה זיינען דורך ד׳ פעמים עשרה - ארבעים שנה, ווען ״נתן ה׳ לכם לב לדעת עינים לראות ואזנים לשמוע״[22].

וכאמור - ״ראה״ בפשטות, תיכף ומיד ממש, נאך פאר תפלת מנחה און נאך פאר די הכנות לזה, ווייל בשעת דער אויבערשטער זעט אז אידן נעמען אן החלטות טובות - גיט ער גלייך דעם שכר, ניט ״למחר לקבל שכרם״, נאר היום, תיכף ומיד ממש.

* * *

[בנוגע למפרשי דניאל בענין חשבון הקץ]:

ה. אנהויבנדיק פון דעם פירוש הרס״ג (וואס ער איז מפרש דעם חשבון הקץ), וואס ער ווערט געבראכט בכ״מ אין חסידות, כולל זיין מאמר הידוע - העצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס בכולו, און מ׳איז מפרש אז דאס גייט אויף יעדער איד, וועלכער האט א חלק אלוקה ממעל ממש[23].

וואס דאס איז אויך א טעם וביאור אויף דעם גודל הענין פון

---

15) ר״ה כו, ב. 16) ראה זח״ג רנז, ב. לקו״ת פינחס פ, כ. 17) ב״ב נג, א. וש״נ. 18) ראה לקו״ת ר״פ ראה. 19) לקו״ת שם. וראה אוה״ת שם ע׳ תרסו. וש״נ. לקו״ש חי״ט ע׳ 147 הערה 64. 20) ראה בארוכה אוה״ת שם ע׳ תרמה ואילך. ע׳ תרנח ואילך. 21) ט, ב. וראה לקו״ת בחוקותי מח, ב. 22) תבוא כט, ג. 23) תניא רפ״ב.

אהבת ישראל און טאן א טובה א צווייטן אידן - וויסנדיק אז דורך יעדער איד איז מען תופס אין דעם גאנצן עצם - עצמות ומהות אין סוף!

[בנוגע לקץ הגאולה שנאמר בדניאל]:

ו. און אע״פ אז דער ענין הקץ והגאולה אין ספר דניאל איז נתגלה געווארן אין א חלום אין מיטן שלאף, און בסיומו שטייט ״ותעמוד לגורלך לקץ הימין״ ווען ער וועט אויפשטיין וכו׳ - איז אבער פארשטאנדיק, אז וויבאלד דער קץ הגאולה שטייט אין תורה וואס זי איז נצחית, ולא תהא מוחלפת ח״ו - איז דער ענין לעצמו אן ענין נצחי (ווי דאס איז בנוגע צו דניאל עצמו אז ער איז חי וקיים באופן נצחי, ווי ער איז העכער פאר ענין השינה והחלום כו׳, ע״ד דוד מלך ישראל חי וקיים),

וע״ד דער ביאור פון ראגאטשאווער[24] בנוגע צו א שבועה וואס שטייט אין תורה, אז אפילו אויב די שבועה איז דערנאך בטל געווארן, איז וויבאלד אז אויך די שבועה אליין שטייט אין תורה, אז דאס א דבר הקיים לעצמו (נאר דערנאך איז דא נאך אן ענין בפ״ע פון ביטול השבועה), און דערפאר קען מען מתפיס זיין אין לשון השבועה שבתורה.

ועד״ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דעם קץ הגאולה בספר דניאל, אז אע״פ וואס דאס איז נתגלה געווארן בתוך החלום, איז דער קץ עצמו אן ענין נצחי, נאר דערצו איז דא נאך אן ענין - אז דאס איז געווען בתוך החלום.

ויה״ר אז וויבאלד לויט אלע חשבונות איז שוין ״כלו כל הקצין״[25] - זאל שוין קומען דער קץ הגאולה, תיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין כל השומע יצחק לי]:

ז. און אפילו אין דעם שומע וואס הערט דאס ווייל דאס גייט בדרך ממילא אריין אין זיינע אויערן [ניט האבנדיק בעה״ב׳ישקייט אויף זיין חוש השמיעה, כידוע אז רוב בני אדם האבן אויף דעם ניט קיין בעה״ב׳ישקייט, מלבד יחידי סגולה ווי אברהם וכיו״ב] - פועל׳ט מען דעם ענין הצחוק והשמחה (יצחק), וואס איז למעלה מכל מדידה והגבלה, סיי פון דעם משמיע (ווייל דורך דעם וואס ער איז גורם ע״י הדיבור שלו אז דער צווייטער זאל לאכן (צחוק), גייט

24) צפע״נ על הרמב״ם הל׳ שבועות פי״ג ה״ג. 25) סנהדרין צז, ב.

ער ארויס פון די הגבלות פון זיין מחשבה דיבור ומעשה און פון אלע זיינע כחות, ניט נאר די כחות פנימיים נאר אפילו פון זיין רצון ותענוג, וועלכע זיינען פארבונדן מיט אים אליין, און האבן מצ״ע קיין שייכות ניט מיט א זולת), און סיי פון דעם שומע (ווייל בשעת ער שטייט בצחוק ושמחה, איז ער אפגעטראגן פון זיי- נע אנדערע כחות, און קען זיך דעמולט צו זיי ניט צוטראגן כדבעי).

[סיום השיחה]:

ח. והקיצו ורננו שוכני עפר, ובעל ההילולא בתוכם. ולהעיר אז ״הקיצו״ איז מרמז אויף דעם שם יצחק אותיות קץ (חי)[26], ״ורננו״ - ענין הצחוק והשמחה,

און קהל גדול ישובו הנה[27], קהל לשון יחיד, און דעמולט וועט זיין איין מנהיג ורב אויף דעם גאנצן קהל,

וכל זה - תיכף מיד וממש, והוא העיקר.

* * *

ט. מ׳האט גערעדט כמ״פ אז כשם ווי דער אויבערשטער האט זיך אליין ארייגעגעבן בתורתו (כביכול) - אנא נפשי כתבית יהבית[28], אזוי איז דאס בא צדיקים הדומין לבוראם[29] - אז זיי גיבן זיך אליין אריין אין זייערע דברי תורה,

נאר - דאס גייט דורך שלבים: פריער גיט זיך דער צדיק אריין בדברי תורה שלו באופן פון דברים היוצאים מן הלב[30], דערנאך קומט עס אראפ בכתב אדער בדפוס, און דערנאך - דורך דער קריאה בספר אדער הערן די דברי תורה פון א צווייטן - ווערט נכנסים אל לב[30] הקורא והשומע.

דערפאר איז מתאים צו דערמאנען עכ״פ איין ענין פון תורתו פון דעם בעל ההילולא, ובפרט פארבונדן מיט פרשתנו:

אין זהר פרשתנו איז מבואר דער ענין הברכה (וואס ענינו איז ברכה והמשכה נצחית): ״ברוך דא רזא דמקורא עילאה מכלא לארקא ולאמשכא ולאנהרא כל בוצינין״. איז דער טאטע מבאר אין זיינע הערות אויפן זהר[31]: ״ברוך שהוא רזא דמקורא עלאה, דהיינו יסוד אבא, הנה חכמה הוא יו״ד שבשם, שיש בזה ג׳ בחי׳, והוא הג׳

---

26) ראה ל״ת להאריז״ל פ׳ וירא. 27) ירמי׳ לא, ז. 28) שבת קה, א. 29) ב״ר פס״ז, ח. ועוד. 30) ס׳ הישר לר״ת פי״ג. ועוד. 31) לקוטי לוי״צ לזח״ג ע׳ תנח.

אותיות יו״ד..ורומזים ג״כ על חב״ד, כי חכמה כולל בינה ודעת ג״כ״.

דאס הייסט אז אין דעם ענין הברכה (וואס דאס איז דער ענין פון קבלת עול) זיינען פאראן צוויי קצוות: בחי׳ י׳ (חכמה), וואס זי איז א נקודה אחת, וועלכע איז דער ראשית פון כל העניני-ים (אויך פון דעם אות ו׳ און ד׳), וביחד עם זה איז די נקודה כולל אלע ענינים, ווי ס׳איז מודגש אין דעם מילוי פון אות יו״ד, ווי דאס שטייט בגלוי בדיבור האדם (ווי דער מיטעלער רבי איז מבאר[32]) - כידוע אז אין חכמה זיינען פאראן צוויי ענינים: ראשית סדר ההשתלשלות, און זי איז כולל כל סדר השתלשלות.

ויה״ר אז עס זאל נמשך ווערן דער מילוי הברכה והמשכה מלמעלה, ביז מילוי ברכה האמיתית - די גאולה האמיתית והשלימה, און תורה חדשה מאתי תצא[33], ובפרט דורך דער הכנה פון לימוד התורה בזמן הזה, כולל - בתורתו של בעל ההילולא, וואס א חלק פון תורה איז תופס בכל התורה כולה (העצם כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו), ביז מ׳קומט צו תורה חדשה מאתי תצא, ובאופן אז מ׳וועט הערן די תורה פון דעם בעל השמועה עצמו, און ניט נאר ״כאילו בעל השמועה עומד לפניו״[34].

ובפרט שטייענדיק אין חודש החמישי, מנחם-אב - זאל דאס שוין ברענגען ביאת משיח צדקנו, מנחם שמו[35], און אין אן אופן פון אב - אב רחמן וחסיד - רחמים וחסדים גלויים, און מ׳דארף ניט אנקומען צו הסברות און פשט׳לעך אז דאס איז אן ענין פון ״רחץ ה׳ גו׳״[36] וכיו״ב.

און מ׳איז דאס נאכמער מזרז דורך החלטות טובות און פעולות טובות.

י. דערפאר איז כאן הזמן אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און מזמין זיין די מסובים, און וויבאלד אז ס׳איז שבת - זאלן זיי מכבד ומחלק זיין די משקה צו (עכ״פ) עטלעכע פון דעם קהל (בתור באי כח פאר אלעמען),

---

32) סידור עם דא״ח קטו, ב. קצב, ב. ועוד. 33) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג. 34) ירושלמי קידושין פ״א ה״ז. שבת פ״א ה״ב. שקלים פ״ב ה״ה. 35) סנהדרין צח, ב. 36) ראה אגה״ק סכ״א. וראה קונטרס משיחת ש״פ ואתחנן ס״ב ובהערה 18.

און דאס זאל נאכמער צואיילן דעם ״מזמור שיר ליום השבת, ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי עולמים״, ווי מ׳זאגט אין שירו של יום השבת, און דערנאך (ווי מ׳זאגט לאחרי שירו של יום כמנהג חב״ד) ״הושיענו ה׳ אלקינו..אמן ואמן״.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל. ובאמצע הניגון עמד מלא קומתו ורקד על מקומו. אח״כ התחיל לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

יא. לויט דעם מנהג וועט מען באלד זאגן (נאך תפלת מנחה) דעם פערטן פרק פון פרקי אבות, וועלכער הויבט זיך אן מיט פיר ענינים, וועלכע זיינען כנגד די ד׳ אותיות פון שם הוי׳[37], אנהויבנדיק פון ״איזהו חכם״ (חכמה) כנגד דער יו״ד פון שם הוי׳, ביז ״איזהו מכובד״ (מלכות) כנגד דער ה״א אחרונה.

וואס דאס איז מתאים מיט דעם תוכן פון לימוד פרקי אבות ״מוסרים ומדות״ - לתקן המדות, וועלכע טיילן זיך בכללות אויף פיר דרגות, ע״ד די ד׳ אותיות שם הוי׳ שבכל נפש מישראל[38] (חלק[39] הוי׳ עמו)[40], נוסף אויף די ד׳ אותיות שם הוי׳ שבגופו (כמבואר אין דער הג״ה בתניא[41], ובכ״מ).

ובכללות יותר - כנגד די ד׳ עולמות אבי״ע, ועוד ועיקר - כנגד די ד׳ דרגות אין תורה, וואס ״משה קיבל תורה מסיני ומסרה כו׳״ (ווי עס שטייט אין אנהויבס מסכת אבות), ביז ״והעמידו תלמידים הרבה״, כולל די תלמידים פון דורנו זה - דור האחרון אין גלות און דער דור הראשון פון דער גאולה, וואס דאס איז כנגד דער ה״א האחרונה (ווי עס ווערט אנגערופן בכ״מ, און ניט ה״א שני׳), ע״ד אחרית הימים, בחי׳ עקב, עקבתא דמשיחא[42].

דער ענין פון שם הוי׳ בעבודה - בפרטיות: יו״ד ה״א, הנסתרות[43], איז דער ענין פון התבוננות (שבתפלה) כפי שמולידה אהבה ויראה בהתגלות לבו; און וא״ו ה״א, ו״ה נגלות[43], איז כנגד לימוד התורה וקיום המצוות[44].

ביז אז מ׳איז ממשיך די ו״ה נגלות - באופן גלוי - אין כל

---

37) שער מאמרי רז״ל ולקוטי הש״ס להאריז״ל לאבות כאן. 38) ראה לקו״ת ר״פ ראה. 39) האזינו לב, ט. 40) ראה אגה״ת פ״ד. 41) פ״מ. 42) ראה אוה״ת ריש פרשתנו. שם ע׳ תצא. ע׳ תקד. 43) ראה לקו״ת ר״פ פקודי. ועוד. 44) אגה״ת ספ״ד.

העולם כולו און אין גאנץ סדר השתלשלות, אז דארט זאל זיך אנ-הערן הוי׳ מלשון מהווה[45], ביז ״ונגלה כבוד הוי׳ וראו כל בשר גו׳״[46], ״והיו עיניך רואות את מוריך״[47], בגאולה האמיתית והשלימה.

יב. ובפשטות - אז דאס דארף ארויסרופן א הוספה אין לימוד התורה און אין קיום המצוות, ובהדגשה - קומענדיק פון ט״ו באב, וואס ״מכאן ואילך דמוסיף יוסיף״, ״מוסיף חיים על חייו״ - חיים בפשטות, וועלכע איז דורכגענומען מיט חיים רוחניים - להוסיף החלטות טובות און פעולות טובות בכל הענינים האמורים לעיל, ובפרט אין דעם שבת, ח״י מנחם-אב, און דאס ממשיך זיין - אין סעודת מלוה מלכה, ולפני זה - אין דער סעודה שלישית (ווי מ׳רופט עס אן), [און דאס ווערט אויך א הכנה צו סעודת לויתן ושור הבר לע״ל, כמבואר בלקו״ת[48] ענינם בעבודה].

און פון שבת ח״י אב זאל נמשך ווערן נאכמער חיות בפשטות אין יעדן אידן - אז ער ווערט נאך לעבעדיקער און נאך געזינטער, ביז אויך דער ענין התענוג - ״להחיות בהם נפש כל חי״.

און דערפון קומט מען דערנאך צו יום הראשון, י״ט מנחם-אב, י״ט בגימטריא חוה (כמבואר בתו״א[49]), וואס חוה ״היתה אם כל חי״.

ובפרט אז ביום זה (י״ט מנחם-אב) קומט פאר א כינוס השלוחים אין ארץ הקודש, אין דער שטאט ״רמת ישי״. ויש לומר[50] אז דער שם המקום איז מתאים מיט דעם תוכן הכינוס - בקשר מיט דעם ענין פון הפצת המעינות חוצה, וועלכע ברענגט אתי מר דא מלכא משיחא, וואס משיח איז פון ״גזע ישי״[51], און אין אן אופן פון ״רמת ישי״ - מתוך עשירות, ווארום וויבאלד אז ס׳איז שוין ״כלו כל הקצין״, איז איצטער זיכער שוין א מצב פון ״זכו״, און משיח קומט באופן של עשירות (און ניט אויפן צווייטן אופן - כידוע די ביידע אופנים ווי משיח קען קומען)[52].

און דער המשך הכינוס וועט זיין ביום כ״ף אב - כ״ף ר״ת כתר, ועשרים בגימטריא כתר[53].

---

45) זח״ג רנו, סע״ב. שעהיוה״א פ״ד. 46) ישעי׳ מ, ה. 47) שם ל, כ. 48) ר״פ שמיני. 49) ו, ד. 50) ראה גם מכתב לכינוס השלוחים - נדפס בהוספה ללקו״ש פ׳ ראה שנה זו. 51) ישעי׳ יא, א. 52) סנהדרין צח, א. 53) לקו״ת שה״ש לה, ג. ועוד.

ש״פ עקב, ח״י מנ״א

ביז מ׳קומט צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, ובאופן פון ״ראה״ - אט איז די גאולה, ותיכף ומיד ממש.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

——— * ———

הנחת התי׳ בלתי מוגה

לזכות

כ״ק אדמו״ר שליט״א

*

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, ויִנהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בני׳ שליט״א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת ״מיהו יהודי״, ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי - התגלות מלך המשיח - נאו!

*

נדפס ע״י

החתן התמים **גבריאל אלכסנדר** שיחי׳

נמדר

והכלה מרת **לאה** תחי׳

לאווענטהאל

לרגל בואם בקשר השידוכין

בליל כ״ף אייר

תהא **ש**נת **מ**שיח **ט**ובה

*

ויה״ר שיזכו לגרום נחת לכ״ק אדמו״ר שליט״א

הכתובת לחשיג ח״תנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 0-3-9606887

בתו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ ראה
מבה״ח אלול
ה׳תשמ״ט

הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ

שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

מפתח

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ ראה, מבה"ח אלול ה'תשמ"ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין הקדמת תשובה למעשים טובים]:

א. דערפון איז דער מוסר-השכל פאר יעדן אידן, אז גלייך בתחלת היום שלו - נאך איידער "יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב"[1], און טוט די מעשים שלו במשך היום - דארף ביי אים זיין דער ענין התשובה, והרוח תשוב אל האלקים, וואס דורך דעם ווערן אלע מעשים - "מעשים טובים".

[בענין העלי' שע"י התשובה למעלה מבחי' "האלקים אשר נתנה"]:

דאע"פ וואס אן אדם איז למטה פון "האלקים אשר נתנה", אדם ע"ש "אדמה לעליון"[2], נאר א דמיון לעליון זייענדיק למטה ממנו - איז מצד זיין נשמה, וועלכע איז א חלק אלוקה ממעל ממש - איז אין דעם אויך פאראן דער פירוש למעליותא, "אדמה לעליון" (א דמיון לעליון) זייענדיק העכער פון בחי' עליון.

[בענין הגאולה שנרמזת באלול ר"ת "להוי' ויאמרו לאמר אשירה"]:

דער אויפטו פון דער גאולה העתידה (לגבי די פריערדיקע גאולות) איז - אז זי וועט זיין א גאולה פאר אלע אידן, בדוגמא שירת הים וועלכע איז געווען דורך אלע אידן, "אז ישיר משה ובני ישראל", און אויך נשים וטף, ביז אויך עוברין שבמעי אמן[3] - האבן אלע געזאגט די זעלבע שירה.

ע"פ הנ"ל - די שייכות פון שירת הים מיט דער גאולה העתידה - איז אויך פארשטאנדיק פארוואס אין שירת הים שטייט "מקדש אד' כוננו ידיך"[4], וואס גייט אויפן ביהמ"ק השלישי[5], ווייל דער משכן (בהמשך צו יצי"מ וקרי"ס ושירת הים) איז ניט געווען "מקדש אד' כוננו ידיך", נאר דאס איז געבויט געווארן דורך אידן, "ויקחו לי תרומה"[6] (די נדבות המשכן פון אנשים נשים און אויך טף[7]) - נאר וויבאלד אז שירת הים (אז ישיר לשון עתיד) איז פארבונדן מיט דער גאולה העתידה, דעריבער זאגט מען אין דער שירה וועגן דעם מקדש דלעתיד.

ולהוסיף: אין דעם לשון "השירה הזאת" (לשון נקבה) - איז

---

1) תהלים קד, כג. 2) ס' עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ח"ב פל"ג. של"ה ג, א. כ, ב. רסח, ב. שח, ב. ועוד. 3) סוטה ל, ב. 4) בשלח טו, יז. 5) פרש"י עה"פ. זח"ג רכא, א. 6) ר"פ תרומה. 7) אדר"נ פי"א.

מרומז דעם ענין פון נקבה תסובב גבר[8] בגאולה העתידה (די מעלה פון עבודת התחתון וואס ברענגט די גאולה), וואס ברענגט דערנאך צו שיר חדש לשון זכר[9], די שירה העשירית, העשירי יהי׳ קודש[10].

[בענין שלש רגלים]:

די שלש רגלים זיינען פארבונדן במיוחד מיט דער עבודה פון א אידן אין וועלט - כמובן פון דעם וואס די שלש רגלים ווערן אנגערופן: ״חג האביב״, ״חג הקציר״ און ״חג האסיף״, וואס גייט אויף די תקופות אין עבודת האדמה, און די דריי דרגות בזה - ע״ד ווי כללות העולם (וסדר השתלשלות) שטעלט זיך אויס אין דריי דרגות (כנ״ל); און א איד דורך זיין עבודה אין די שלשה עמודים תורה עבודה וגמ״ח - טוט ער אויף אז עס זאל זיין העולם עומד.

ובפרט ע״פ הידוע אז א איד איז אין זיך כולל כל עניני העולם, כמ״ש[11] ״את העולם נתן בלבם״, און ניט נאר די ג׳ עולמות בי״ע, נאר אויך ״העולם״ (מיט א ה״א הידיעה) - עולם האצילות.

[בענין שהעולם הוא בבחי׳ מיעוט]:

מ׳דארף אויף דעם קיין ראיות ניט האבן, ווארום מ׳זעט דעם חושך כפול ומכופל פון גלות און מ׳זעט ווי עס ווערן מקויים די סימנים אויף עקבתא דמשיחא וואס שטייען אין סוף מס׳ סוטה, און ״כלו כל הקצין״[12] ועדיין לא בא.

אעפ״כ איז דוקא דורך דעם מיעוט (אך) ווערט לרבות שמחה (שלמעלה מהגבלה), וכידוע אז נתאווה הקב״ה להיות לו ית׳ דירה בתחתונים דוקא, און דוקא אין תחתונים ווערט אויפגעטאן די עלי׳ (לרבות), משא״כ די עולמות עליונים זיינען א ״ירידה מאור פניו ית׳״[13],

ביז אז דוקא פון דעם חושך הגלות אין עקבתא דמשיחא - קומט מען צו דער גאולה, כמרומז אויך אין דעם אז פון די סימנים אויף עקבתא דמשיחא וואס שטייען בסיום מסכת סוטה [וואס מ׳לערנט אלס הכנה צו זמן מתן תורתנו, כמנהג חב״ד] - קומט מען צו דעם סיום ממש, וואו עס ברענגט זיך די ברייתא פון רבי פינחס בן יאיר וואס רעדט וועגן דער גאולה און תחיית המתים.

[בענין אני מתפלל לדעת זה התינוק]:

ב. ״אני מתפלל לדעת זה התינוק״ קען מען טייטשן אויף צוויי

---

8) ירמי׳ לא, כא. 9) תוד״ה ה״ג - פסחים קטז, ב. 10) בחוקותי כז, לב. וראה זח״ב רעא, א. 11) קהלת ג, יא. וראה לקו״ת במדבר ה, ריש ע״ב. 12) סנהדרין צז, ב. 13) תניא פל״ו.

אופנים: איין פירוש, אז ער איז מתפלל מיט א חשבון בשכל ודעת שלו (פון א גדול) צו מכוון זיין ״לדעת זה התינוק״.

א צווייטער פירוש - און דאס איז דער אמת׳ער פירוש און שלימות בדבר - אז זיין תפלה (מתפלל) ווערט מחובר (תפלה מלשון חיבור[14]) מיט דעת זה התינוק, עד כדי כך אז דאס ווערט **דעתו**, און ניט אז ער איז מכוון אז ער זאל מתפלל לדעת זה התינוק (אדער ער איז מתפלל ער זאל קענען מתפלל זיין לדעת זה התינוק), נאר זיין תפלה איז ממש ווי דעת התינוק,

וואס דעת התינוק (בתפלתו) איז צום אויבערשטן אליין (אליו ולא למדותיו), ווארום בדעת התינוק איז ניטא קיין מציאות חוץ פון זיין אייגענע מציאות און דעם אויבערשטן: לכל לראש איז א תינוק (אפילו בן יומו) מרגיש את עצמו. ווי מ׳זעט פון דעם וואס בשעת א זבוב רירט אים אן וכיו״ב איז ער מנענע את ידיו ואת רגליו; און דערצו ווייסט ער אז ס׳איז דא אן אויבערשטער, און מער דערפון ווייסט ער ניט.

און בשעת די תפלה איז לדעת זה התינוק (אז דאס ווערט דעתו) - וואס דאס איז א תפלה צום אויבערשטן אליין - ווערט דער מתפלל פארבונדן (מחובר) מיט דעם אויבערשטן אליין, ווי ער איז העכער פאר אלע ענינים.

ג. ויה״ר אז אזוי זאל זיין בנוגע צו די תפלות פון אידן, כולל די וואס מ׳האט פריער מתפלל געווען, כולל - די תפלות פארבונדן מיט גאולה, ״יהי רצון כו׳ שיבנה בית המקדש במהרה בימינו״, און ״אך צדיקים גו׳״,

וואס דאס וועט צוגעבן אין קיום התפלות בפשטות - די גאולה האמיתית והשלימה, בגלוי ממש למטה מעשרה טפחים, באופן פון מראה באצבעו ואומר זה.

ובפרט דורך די החלטות און פעולות טובות פון אידן אין די אלע ענינים פארבונדן מיט חודש אלול, ווי מרומז אין די ראשי תיבות פון אלול (וואס ר״ת איז א דרך הלימוד אין הלכה) - אין די שלשה עמודים תורה עבודה וגמ״ח, און עבודת התשובה וענין הגאולה,

און טאן אין דעם בפועל ממש, און היום - היום לעשותם, און ניט נאר אננעמען החלטות אויף טאן לאחרי ימות המשיח און תחיית

14) תו״א עט, סע״ד. ובכ״מ.

המתים, נאר היום לעשותם - היום ממש [אפילו אז מ׳איז פארנומען מיט מאכן א התוועדות, א חסיד׳ישע התוועדות (וואס טוט אויף נאכמער פאר מלאך מיכאל[15])].

[בענין שמחה עד דלא ידע שבא דוקא בפורים שהי׳ בזמן גלות אחשורוש]:

ד. און דוקא אין גלות אחשורוש - ווערט אחשורוש (ניט מלשון שחרות[16], נאר) מלשון אחרית ורשית שלו[17], אנהויבנדיק דורך דעם וואס א איד ווערט א בעה״ב אויף דער אחרית ורשית שלו, אויף אלע זיינע כחות ואברי הגוף, פון ראשית ביז אחרית, דער עקב שברגל,

און פון ״והי׳ עקב תשמעון״ קומט מען צו ״ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה״, און דערנאך - צו ״שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך״, אנהויבנדיק פון אוועקשטעלן שופטים ושוטרים אויף ״כל שעריך״ וועלכע גייען אויף די ז׳ שערים שבאדם (די עינים, אזנים וכו׳), כמבואר בפי׳ הש״ך על התורה[18], ביז ״בכל שעריך״ כפשוטו - ובפרט דורך ״וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך״[19], וואס דורך דעם ווערט ״ה׳ ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם״[20], ניט נאר בשעת מ׳איז בתוך הבית נאר אויך בשעת מ׳איז יצא (צאתך) מחוץ לבית[21] [ווי מרומז (כללות שמירת המזוזה) אויך אין דעם שם וואס שטייט אויף דער מזוזה מבחוץ - ״שד-י״ ר״ת שומר דלתות ישראל[22]].

[בענין ליום שכולו שבת ומנוחה לחי העולמים]:

ה. וכידוע די צוויי אופנים ווי מ׳שרייבט ״לחי״ - ״לחי״ מיט איין יו״ד, אדער ״לחיי״ מיט צוויי יודי״ן.

ויש לומר דעם רמז אין די צוויי יו״ד׳ין (נוסף צו דעם פירוש אז דאס מיינט ״לחיי״ לשון) - ע״ד די צוויי יו״ד׳ין אין דעם אות א׳[23]: דער יו״ד למעלה - גייט אויף דעם אויבערשטן (העכער פאר כל התפשטות), און דער יו״ד למטה - א איד ווי ער געפינט זיך למטה [ואדרבה - דער עיקר איז דער יו״ד למטה], און דער וא״ו (באלכסון, כמבואר במ״א) איז זיי מחבר (כבצורת אות אל״ף), וואס אות וא״ו איז דא אות אמת[24], מדתו של יעקב[25], בריח התיכון

---

15) אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ג מכתב תשפד. 16) ראה מגילה יא, א. אסת״ר בתחלתו. 17) מאו״א וערה״כ ע׳ אחשורוש. 18) ר״פ שופטים. הובא באוה״ת שם ע׳ תתכב. 19) ואתחנן ו, ט. עקב יא, כ. 20) תהלים קכא, ה. 21) זח״ג רסג, ב. וראה רמ״א יו״ד סרצ״א ס״ב. 22) סידור האריז״ל כוונת מזוזה. משנת חסדים מס׳ מזוזה פ״ג מ״ט. 23) ״היום יום״ ח׳ אדר ראשון. 24) זהר ר״פ ויקרא. 25) ראה ס׳ הליקוטים-דא״ח צ״צ ערך יעקב בתחלתו. וש״נ.

מן הקצה אל הקצה[26].

ויה״ר אז נאך איידער מ׳איז ממשיך דעם רעדן - וואס יעדער דיבור דארף זיין מיט אותיות, וועלכע הויבן זיך אלע אן מיט דעם אות אל״ף - זאל דער אות אל״ף ארייגעשטעלט ווערן אין א ווארט - ווייל זייענדיק אן אות דקדושה קען דאס ניט בלייבן הלך בטל ח״ו, נאר מ׳שטעלט אים ארײן לכל ראש - אין ״גולה״[27], ווערט דורך דעם אויס גלות, תיכף ומיד ממש, און עס ווערט גלייך ״גאולה״, די גאולה האמיתית והשלימה, ותיכף מיד ממש, והוא העיקר.

* * *

ו. ס׳איז רגיל פארבינדן די ענינים המדוברים מיט דעם וואס מ׳האלט איצטער בשנת הארבעים פון הסתלקות כ״ק מו״ח אדמו״ר, וואס ביום ההסתלקות ווערט נתגלה כל מעשיו ועבודתו אשר עבד במשך ימי חייו און ס׳איז פועל ישועות בקרב הארץ[28], והולך ומוסיף בזה מיום ליום ומשנה לשנה, ועאכו״כ וועון עס קומט דער שנת הארבעים, ווען ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״[29],

וואס ״לב לדעת״ איז כולל די דעת צו וויסן ווי צו אויסנוצן אלע זיינען כחות און מחשבה דיבור ומעשה שלו אויף עבודת השם - וואס זיינע כחות כו׳ זיינען בכללות נכלל אין די דריי ענינים פון ״לב לדעת״, ״עינים לראות״ און ״אזנים לשמוע״ (כמדובר כמ״פ)[30],

און דער עיקר - דאס אלץ אראפברענגען אין מעשה בפועל, וואס המעשה הוא העיקר[31], ביז אז אפילו תלמוד גדול (צוליב דעם וואס דאס איז תלמוד) שמביא לידי מעשה[32]. ד.ה. זיך ניט באנוגענען מיט אננעמען החלטות טובות במחשבה אדער בדיבור, נאר דאס אויך אראפברענגען אין מעשה בפועל,

ובהתאם צו ״ראה״ - מעשה בפועל וואס מ׳קען אויף דעם אנווייזן, מראה באצבעו ואומר זה, און ״היום״ - היום לעשותם, היום ממש.

און דורך דעם וואס ער טוט זיין עבודה בלימוד התורה, און תלמוד שמביא לידי מעשה (קיום המצוות) - באקומט ער די כחות וברכות פון דעם אויבערשטן, כמ״ש[33] ״אם בחוקותי תלכו (הוו

---

26) ראה שם ערך אמת ס״ב. וש״נ. 27) ראה לקו״ת בהעלותך לה, ג. ועוד. 28) אגה״ק סכ״ח. 29) תבוא כט, ג. 30) ראה קונטרס משיחות ש״פ בא שנה זו. 31) אבות פ״א מי״ז. 32) מגילה כו, א. קידושין מ, ב. 33) ר״פ בחוקותי (כו, ג).

עמלים בתורה[34]) ואת מצוותי תשמרו - ונתתי גשמיכם בעתם וגו׳״, מיט אלע ברכות וואס ווערן אויסגערעכנט אין פ׳ בחוקותי, כולל ״ונתתי שלום בארץ״[35], ביז דעם סיום - ״ואולך אתכם קוממיות״[36], בקומה זקופה[37], אז א איד שעמט זיך ניט און איז פאר קיינעם ניט אראפגעפאלן, נאר ער גייט בקומה זקופה, און ״קוממיות״ לשון רבים, ב׳ קומות[38], כנגד דעם נה״א און נה״ב - ״בכל לבבך בשני יצריך״[39] (נוסף אויף ״בכל נפשך״ און ״בכל מאדך״), ניט נאר וואס ער גייט בקומה זקופה (און שעמט זיך פאר קיינעם ניט), נאר אדרבה - אויך זיין נה״ב ביז די וועלט ארום איז אים מסייע בעבודתו. און דאס אלץ איז דורך ״ואולך״ - פון דעם אויבערשטן אליין, וועלכער איז העכער פאר אלע ענינים (כמדובר לעיל).

און אויך די ענינים וואס שטייען בהמשך הפרשה (ניט בלשון של ברכה) - זיינען באמת אויך ברכות, ואדרבה - ברכות הכי נעלות, כמובן פון דער גמרא אין מועד קטן[40], ומבואר אין לקוטי תורה[41], אז זיי זיינען חסדים נסתרים, שלמעלה פון די חסדים גלויים פון סדר השתלשלות.

ביז אז דאס (די ענינים בפ׳ בחוקותי) ווערט א הכנה צו פ׳ במדבר, וועלכע הויבט זיך אן מיט מנין בני ישראל - שמתוך חיבתן מונה אותם בכל שעה[42].

וואס דאס איז בדוגמא וואס עס שטייט בפרשתנו ״ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה״ - וואס דאס איז כולו **ברכות**, ואדרבה - די עניני ״קללה״ זיינען בפנימיותם ברכות הכי נעלות. וכמובן וגם פשוט, ווי פארשטאנדיק פון דעם לשון ״ראה אנכי נותן״, וואס זיכער גיט דער אויבערשטער נאר ברכות,

ובפרט לאחרי וואס מ׳האט שוין אזוי געלערנט אין לקו״ת בנוגע צו די דברי תוכחה אין פ׳ בחוקותי [און אפילו אויב מ׳האט עס נאך ניט געלערנט - פרעגט מען ביי א צווייטן], פארשטייט מען אז אזוי איז אויך בנוגע צו ״קללה״ אין פ׳ ראה.

און פון פ׳ ראה קומט מען צו פ׳ שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך - ואשיבה שופטיך כבראשונה.

ז. און וויבאלד אז דאס אלץ שטייט אין תורה - איז דאס שייך צו

---

34) פרש״י שם. 35) בחוקותי שם, ו. 36) שם, יג. 37) פרש״י שם. 38) ראה ב״ב עה, א. סנהדרין ק, א. וראה לקו״ש ח״ז ע׳ 148 ואילך. 39) ואתחנן ו, ה. ברכות נד, א. 40) ט, ב. 41) בחוקותי מח, סע״א ואילך. 42) פרש״י ר״פ במדבר.

יעדן אידן, אנשים נשים וטף, צו וועמען תורה באלאנגט, כמ״ש[43] ״תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב״, אז תורה איז די ירושה פון יעדער איד, יעדער איד איז אויף דעם בעה״ב, אפילו אויף תושבע״פ, עאכו״כ אויף תושב״כ,

ולהעיר אז תושב״כ הויבט זיך אויך אן מיט א בי״ת ר״ת **ברכה**[44], וואס מזה מובן אז כל עניני התורה זיינען נאר ברכה.

דערנאך קומט מען צו די עשרת הדברות וועלכע הויבן זיך מיט אן אל״ף[45] (אנכי), און אין די עשרת הדברות איז מודגש במיוחד ווי תורה איז שייך און געגעבן געווארן צו כל א׳ מישראל - כמבואר בכ״מ[46] דעם טעם פארוואס די עשרת הדברות שטייען בלשון יחיד (אנכי ה׳ אלקיך, ניט אלקיכם, וכיו״ב) - אזוי ווי בפרשתנו שטייט ״ראה״ לשון יחיד (און ניט ״ראו״) - ווייל דאס איז געזאגט געווארן צו יעדער יחיד, און יעדער יחיד ופרט קען אויפטאן כל עניני התורה (אפילו אן זכות הרבים), וועלכע זיינען נכלל אין די עשרת הדברות, ביז דער סיום פון די עשרת הדברות - ״וכל אשר לרעך״[47], כולל דעם פירוש בזה - אז דאס גייט אויף רעך זה הקב״ה (״ריעך[48] וריע אביך״)[49], אז דער אויבערשטער איז ״ריעך״ פון אידן און א כביכול - ישראל וקוב״ה כולא חד[50].

ביז אז אדרבה - אידן זיינען מוסיף כח בפמליא של מעלה, וכמבואר בכ״מ[51] בענין ״ועשיתם אותם״[52], אתם כתיב, אז דורך דעם וואס אידן זיינען מקיים מצוות (ועשיתם אותם) - איז מעלה עליו כאילו עשאוני,

אנהויבנדיק פון עשאוני פון דעם אדם התחתון, וואס זיינע רמ״ח אברים זיינען כנגד רמ״ח מצות עשה, און זיינע שס״ה גידים כנגד שס״ה מצות לא תעשה,

[ועד״ז איז אויך בנוגע צו נשי ובנות ישראל, ואדרבה - אן אשה האט מערער אברים כו׳[53]. און צווישן אירע מצוות (וואס דורך דעם

---

43) ברכה לג, ד. 44) ירושלמי חגיגה פ״ב ה״א. ועוד. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ וש״נ. 45) ב״ר פ״א, י. ועוד. וראה לקו״ת פרשתנו יט, ב. 46) יל״ש יתרו רמז קפו. מפסיקתא דר׳ כהנא פ׳ בחודש השלישי. וראה פסיקתא רבתי פכ״א. רמב״ן יתרו כ, א. 47) יתרו כ, יד. ואתחנן ה, יח. 48) משלי כז, י. 49) פרש״י ד״ה דעלך - שבת לא, א. 50) ראה זח״ג ע, א. 51) זח״ג קיג, א. וראה ויק״ר פל״ה, ז. וראה לקו״ת שה״ש כא, ג. לד, ד. ועוד. 52) ר״פ בחוקותי. 53) ראה בכורות מה, א.

ווערט "ועשיתם אתם") איז אויך - נרות שבת קודש ויום טוב, כולל - דעם ערב שבת, בסוף יום הששי, אלס הכנה והקדמה און אריינפיר צו שבת, וואס דורך די נרות קומט צו אור בעולם, כפשטות הענין - אז בשעת מ'עפענט דעם פענצטער קומט צו מער ליכטיקייט;

און אזוי אויך אין דעם יום הששי בשבוע הבא (וואס איז אויך ראש חודש אלול), וועלן נשי ובנות ישראל אנצינדן די נרות, ובינתיים - איז נר דלוק מערב שבת לערב שבת ווי ס'איז געווען בא שרה אמנו[54]].

ביז "ועשיתם אתם" - דעם אדם העליון פון זעיר אנפין, וואס איז פארבונדן און ווערט איין זאך מיט אריך אנפין, וואס איז פארבונדן און ווערט איין זאך מיט עצמות ומהות.

ובהדגשה - "ועשיתם", עשי' בפועל, וואס הוא העיקר (כנ"ל), היום לעשותם [כולל עשי' מלשון כפי' - מעשין על הצדקה[55]], און אזא עשי' וואס טוט אויף תיקון העולם, ווי עס שטייט בתחלת הבריאה "אשר ברא אלקים לעשות - לתקן"[56], אז דער אדם טוט אויף א תיקון אין עולם אפילו ווי זי איז קודם החטא (כפשטות הכתובים אז "לעשות לתקן" שטייט אין תורה פאר דעם חטא), בגן עדן מקדם, כולל דעם פירוש - מקדם, קודם החטא, און קודם אפשריות לחטא; און מעין זה ווערט אויך אויפגעטאן איצטער, ווי מ'זאגט אין דעם נוסח "שבע ברכות" - כשמחך יצירך בגן עדן מקדם - ווייל דורך עבודת התשובה דערגרייכט מען צו דער דרגא פון ג"ע מקדם, און נאכמער דערפון (דערפאר שטייט עס מיט א כ"ף הדמיון - כשמחך).

וכאמור, אז דאס איז בכח כל א' מישראל, צו דערגרייכן די העכסטע דרגות, ביז דעם ענין פון גאולה האמיתית ע"י דוד מלכא משיחא - ווי ס'איז אויך מודגש אין דעם "יהי רצון" וואס מ'זאגט נאך אמירת תהלים - "שתהא נחשבת..כאילו אמרם דוד מלך ישראל בעצמו", וואס דאס זאגט יעדער איד, כולל טף, וואס אויך צו זיי איז שייך דער מנהג צו זאגן דעם מזמור תהלים המתאים למספר שנותיו (נוסף אויף אמירת המזמור דורך זיינע עלטערן און מחנכים).

און דורך דער עבודה אין די אלע ענינים איז מען נאכמער ממהר די גאולה האמיתית והשלימה, און די עלי' לרגל דלע"ל, נוסף

---

54) פרש"י חיי שרה כד, סז. 55) ראה ב"י לטור יו"ד סרמ"ח. 56) בראשית ב, ג. ב"ר פי"א, ו ובפרש"י שם.

אויף שלש פעמים בשנה, אויך בכל שבת ור״ח (ווי עס שטייט אין ילקוט[57]),

ובפרט אז מ׳שטייט שוין נאך חג האביב און חג הקציר, ובסמיכות צו חג האסיף, כולל דעם ענין פנימי שבזה - אז אלץ איז שוין מוכן, און עס דארף נאר זיין דעם ענין פון אסיף, צוזאמענקלייבן אלע ענינים, ״יוסיף ה׳ שנית ידו״[58], וכפתגם כ״ק מו״ח אדמו״ר[59] אז מ׳האט שוין אלץ פארענדיקט און מ׳דארף נאר צופוצן די קנעפ, און עס דארף נאר זיין ״עמדו הכן כולכם״[60], און דאס איז שוין אויך דא (כמדובר כמ״פ), און איצטער דארף מען נאר - טאנצן מיט משיח צדקנו, אין א ריקוד עד דלא ידע, בגאולה האמיתית והשלימה, ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בהמשך להדיבור ע״ד ההשתדלות בענין החינוך]:

ח. דערפאר איז כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב פארשידענע פעולות טובות, כולל - צוליב הקמת מוסד-ות חינוך, אדער שטיצן מוסדות חינוך, אדער פאר בתי חב״ד, בתי תורה תפלה וצדקה, וועלכע זיינען כנגד חכמה בינה ודעת (כמדובר כמ״פ)[61], ובאופן אז מ׳האט אלע דריי ענינים אין איין בית -

זאלן ארויפגיין און מסביר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און מזמין זיין די מסובים, אז (עכ״פ) באי-כחם זאלן זיך משתתף זיין בזה,

און אפילו אויב משיח וועט קומען בינתיים - וועט עס זיין בבחי׳ ״ויהודה ועוד לקרא״[62], און מ׳וועט אלע גיין אין דעם בית העיקרי - ביהמ״ק השלישי, וממנה יוצאה אורה לכל העולם כולו[63], וממנה (פון שולחן) יוצא מזון לכל העולם כולו[64] (כמדובר כמ״פ).

ובפרט שטייענדיק ביום השבת אין דעם זמן פון רעוא דרעוין, און מ׳איז עס דערנאך ממשיך אין סעודת מלוה מלכה, און דערנאך ביום ראשון, וועלכער ווערט אנגערופן בתורה ״יום אחד״, ווייל

---

57) שמעוני - רמז תקג, מפסיקתא רבתי פ׳ שבת ור״ח ג. 58) ישעי׳ יא, א. 59) שיחת שמח״ת תרפ״ט. 60) אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ד ע׳ רעט. 61) לקו״ש חכ״ה ע׳ 304. 62) קידושין ו, א. 63) רש״י (כת״י) מנחות פו, ב. 64) ראה בחיי תרומה כה, ג. וראה ב״ב כה, ב. מכתב דימים בין יו״ד וט״ו בשבט תשמ״ז, וש״נ.

בו ביום הי׳ הקב״ה יחיד בעולמו[65], אז עס ווערט נתגלה אז ״לה׳ הארץ ומלואה״[66] (ווי מ׳זאגט אין שיר של יום ראשון), ביז דעם המשך בזה[67] - ״שאו שערים ראשיכם גו׳ ה׳ צבאות הוא מלך הכבוד סלה״ - דער ענין פון ״אין עוד״, כמדובר לעיל.

און דערנאך קומט יום שני - ווען עס איז געווארן די הבדלה, ובו נברא מחלוקת[68], ביז דער הבדלה צווישן צוויי דרכים (את החיים ואת הטוב און דעם צווייטן דרך), און דערנאך יום השלישי - ווען עס ווערט הוכפל בו כי טוב[69].

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

ט. ס׳איז נהוג צו מסיים זיין מיט דעם ניגון - בלשון האומות, אבער מיט דעם תוכן - ״אין עוד מלבדו״, ביז ״אין עוד״.

[בהמשך לזה ביאר המשנה ברפ״ה דאבות, ״בעשרה מאמרות נבה״ע כו׳״ - נדפס לעיל. ובהמשך לענין צדיקים שמקיימים את העולם שנברא בעשרה מאמרות - אמר]:

און יעדער איד באקומט אויף דעם כח נאך קודם שיצא לאויר העולם - דורך דעם וואס ״משביעין אותו תהי צדיק ואל תהי כו׳״[70] (- עיקר ההדגשה דארף זיין אויף ״תהי צדיק״), משביעין אויך מלשון שובע[71] (אנזעטיקן אים מיט כחות).

[בקשר עם השייכות בין פרק חמישי (בעשרה מאמרות כו׳) וסוף פרק ששי (ה׳ ימלוך לעולם ועוד)]:

ויש לקשר זה מיט קביעות חודש אלול בשנה זו, ביום חמישי וביום ששי: ביום הששי איז געווען בריאת אדם הראשון, וואס ער האט אויפגעטאן ״ה׳ מלך גאות לבש״[72], דער ענין פון ״ה׳ ימלוך לעולם ועד״ (כסיום פרק ששי). ועד״ז דארף זיין בא יעדער איד וועלכער אז בדוגמא צו אדם הראשון (ווי עס שטייט אין מס׳ סנהד-רין[73]); ולפני זה - איז יום החמישי, כנגד פרק חמישי וכו׳.

כ״ק אדמו״ר שליט״א הורה לנגן ״ניעט ניעט ניקאווא״.

אח״כ אמר: די דאס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אַחרונה.

——— * ———

65) ב״ר פ״ג, ח. 66) תהלים כד, א. 67) שם, י. 68) ב״ר פ״ד, ו. זח״א יז, א ואילך. 69) פרש״י בראשית א, ז. 70) נדה ל, ב. תניא רפ״א. 71) הגהת הצ״צ בקיצורים והערות לתניא שם. 72) תהלים צג, א. 73) לז, א במשנה.

לעילוי נשמת

הרה"ג הרה"ח הרה"ת

ר' **שלמה זלמן** ע"ה

ב"ר **יהושע** ע"ה

העכט

נפטר כ"ד מנחם אב תשל"ט

ת.נ.צ.ב.ה.

נדפס ע"י

זוגתו ומשפחתו שיחיו

הכתובת לחשיג ח"חנחותי"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: **VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213**

TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ שופטים
ב׳ אלול
ה׳תשמ״ט

הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ

שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

מפתח

בס״ד. השלמות לשיחת ש״פ שופטים, ב׳ אלול ה׳תשמ״ט.

הנחת התי׳ בלתי מוגה

[בענין שנאמר ״שופטים ושוטרים תתן לך״ לשון יחיד]:

א. דורך דעם וואס א יחיד טוט אין ״שופטים ושוטרים תתן לך״ קומט אויך צו אין פעולת השבט והציבור (ע״ד ווי עס שטייט[1] אז שבת איז ״אהני״ צו די ענינים התמידים שביום זה), ד.ה. אז יעדער איד דארף אין דעם טאן סיי אלס א יחיד, און סיי אלס א חלק פון דעם שבט און פון עם ישראל, ובלשון חז״ל[2] - אל תפרוש מן הציבור, וי״ל אז דאס איז אויך כולל דעם פירוש אז מ׳דארף משפיע ומעורר זיין דעם ציבור.

וע״ד ווי מ׳זעט עס אין תפלת העמידה, אז נוסף אויף דעם וואס די תפלה איז לכל לראש - בקשת צרכיו פון דעם יחיד המתפלל, איז די תפלה אויך כולל די בקשה פאר צרכי העם ישראל, ביז צרכי כל העולם בכלל (ווי אין ברכת השנים, ברכת חונן לדעת וכיו״ב).

ביז די ברכה הכי עיקרית והכי כללית וואס איז נוגע כל הציבור כולו און כל העולם כולו - ״את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח״, אז דאס זאל זיין ״מהרה״ ממש (ווארום אויך אין מהרה זיינען פאראן דרגות) - לא עכבן אפילו כהרף עין.

[בענין שישראל הוא למעלה מכל ענין בלתי רצוי (נופל בשדה) שבעוה״ז]:

נאר די כוונה אין ירידת הנשמה למטה איז כדי א איד זאל אויפטאן דעם תיקון העולם (לאחרי השבירה בעולם התהו, און דערנאך קטרוג ומיעוט הלבנה כו׳) דורך זיין עבודה בכח עצמו (כדי עס זאל ניט זיין באופן פון ״נהמא דכיסופא״ ח״ו) - מיט דער מעלה וואס אדם רוצה בקב שלו[3]. און דורך דעם באקומט ער אויך די תשעה קבים של חבירו זה הקב״ה.

און דורך דער עבודה פון א אידן למטה ע״י עבודת התשובה שלו (ניט אויף א חטא ח״ו, נאר שלימות ענין התשובה, וואס ענינה איז) - ״והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה״[4] [און אויך תשובה כפשוטה על החטא האט אין זיך דעם ענין פון ״והרוח תשוב גו׳״, ווייל אלע דרגות בתשובה זיינען פארבונדן, דשם תשובה חד הוא] - דערגרייכט ער צו א דרגא וואו ס׳איז כלל ניטא קיין ארט אויף

---

1) זבחים צא, ב. 2) אבות פ״ב מ״ד. 3) ב״מ לח, א. 4) קהלת יב, ז. וראה קונטרס משיחת ש״פ ראה. וש״נ.

ענינים בלתי רצויים, וואס דאס איז תכלית ושלימות הכפרה - די תשעה קבים צוזאמען מיט דעם קב אחד משלו - די שלימות פון עשרה קבים, העשירי יהי׳ קודש[5],

[ביז די שלימות פון עשרה - עשר פעמים עשר - מאה, די מאה ברכות, א״ת מה אלא מאה[6], וואס מה גייט אויף עבודת משה רבינו (ונחנו מה[7]), כולל - בחי׳ משה שבכאו״א[8] וואס פועל׳ט אויף זיין עבודה בפועל, כמאחז״ל[9] עה״פ[10] ועתה ישראל מה ה״א שואל מעמך כי אם ליראה גו׳, לגבי משה מילתא זוטרתי היא; און צוזאמען דערמיט האט מען די שלימות פון מאה - די מאה ברכות שחייב אדם לברך בכל יום[6], אויך ביום השבת].

ועפ״ז איז אויך פארשטאנדיק די שייכות מיט חודש אלול (ווען דער מלך איז בשדה) - ווייל די שלימות פון עשרה איז מרומז אין דער עבודה פון יוהכ״פ, עשירי בתשרי, אחת בשנה - ״זמן תשובה לכל..קץ מחילה וסליחה לישראל״, בסיום וחותם פון די ארבעים יום וועלכע הויבן זיך אן בר״ח אלול.

ביז מ׳דערגרייכט צו שלימות ענין העשרה בגאולה העתידה - וואס דעמולט וועט בטל ווערן די גאנצע נתינת מקום אויף אן ענין בלתי רצוי, ווייל ״ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ״[11], און די עבודה וועט זיין ״ילכו מחיל אל חיל״ אין קדושה עצמה[12].

און ווי מ׳איז מכריז בסיום פון דעם יום הקדוש (יוהכ״פ) ״לשנה הבאה בירושלים״, וכפתגם כ״ק מו״ח אדמו״ר, אז די גאולה קומט גלייך, וועט בדרך ממילא זיין ״לשנה הבאה בירושלים״, און נאך בית שאת וביתר עוז (וויבאלד אז בינתיים איז צוגעקומען די עבודה ועליות פון א שנה שלימה),

און זיכער איז דער אויבערשטער ממלא די בקשה ״לשנה הבאה בירושלים״ , ועד״ז בכל זמן ווען מ׳איז מכריז בציבור, ווי בליל הסדר, ועד״ז אין אנדערע זמנים ווען מ׳איז דאס מכריז בציבור, ובפרט בביהכנ״ס ובביהמ״ד, ועאכו״כ אין חודש אלול, וואס דעמולט איז א זמן המתאים לזה, זייענדיק די התחלה וחלק פון די ארבעים יום וועלכע ענדיקן זין ביוהכ״פ, ובפרט אז דער אויבערשטער איז דעמולט ווי א ״מלך בשדה״, וואס איז מקבל אלעמען בסבר פנים

---

5) בחוקותי כז, לב. 6) מנחות מג, ב ובתוס׳ שם. ועוד. וראה קונטרס כ״ף מנ״א שנה זו. 7) בשלח טז, ז. 8) תניא פמ״ב. 9) ברכות לג, ב. 10) עקב י, יב. 11) זכרי׳ יג, ב. 12) אגה״ק סו״ס כו. וראה קונטרס משיחת ש״פ ראה.

יפות און נעמט אויף און איז מקיים זייערע בקשות.

[בענין יום זה - יום השבת הבאה לאחרי ר״ח אלול]:

וואס שבת זו, אדער שבת זה - ווי דיביידע ענינים אין שבת, ״וינוחו בה״, און ״וינוחו בו״, ובתפלת מנחה בזמן רעוא דרעוין - ״וינוחו בם״ - קומט בהמשך צו די צוויי טעג פון ר״ח אלול.

* * *

[בענין ״כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים כל העולם כולו״, כי כל העולם נברא בשביל ישראל]:

ב. און אידן טוען אויף קיום כל העולם, זיי ברענגען די וועלט צו איר שלימות - א דירה לו ית׳ בתחתונים.

דאע״פ אז עולם על מילואו נברא, אלה תולדות השמים והארץ בהבראם (תולדות מלא כתיב), ועאכו״כ דער אדם - יציר כפיו של הקב״ה - פונדעסטוועגן איז דעמולט נאך געווען אן אפשריות לרע, ווי ס׳איז ארויס בפועל - בא דעם חטא הראשון. אבער דוקא דורך דער ירידה למטה מטה ביותר ווערט די עלי׳ הכי גדולה למעלה מעלה ביותר - אז דורך עבודת האדם אין דעם העלם והסתר פון עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו (למטה פון דרגת גן עדן וואו אדה״ר איז געווען קודם החטא) - איז ער מברר ומזכך די וועלט, ביז אז עס ווערט נתבטל די גאנצע אפשריות אויף אן ענין בלתי רצוי, וואס דעמולט ווערט א שלימות אין וועלט מער ווי ס׳איז געווען בתחלת הבריאה - ״אלה תולדות פרץ״ (פריצת כל מדידות והגבלות פון עולם), תולדות מלא ווי ס׳וועט זיין לע״ל, מער ווי דער שלימות וואס איז געווען בתחלת הבריאה.

[ועפ״ז איז אויך מובן וואס די הלכה (המקיים נפש אחת בישראל כאילו קיים כל עולם כולו) לערנט מען אפ פון אדה״ר[13] - ווייל דורך דער עבודה פון אידן אין עולם, איז מען מתקן חטא אדה״ר].

[בענין ״יורדי הים באניות״ שאומרים במזמור דד׳ חייבים להודות]:

כמבואר ענינו בדרושי חג הגאולה י״ב תמוז פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו[14], וואס הנשיא הוא הכל[15], ועאכו״כ צאן מרעיתו וואס פירן זיך בהתאם לזה.

---

13) סנהדרין לז, א במשנה. 14) סה״מ תרפ״ז ע׳ ריא ואילך. 15) פרש״י חוקת כא, כא.

[בנוגע להמצוות שאא"פ לקיימם בפועל בזמן הזה, כמו דיני קרבנות וכיו"ב]:

וכידוע אז צווישן מצוות זיינען פאראן מצוות תמידיות וואס חיובם איז בכל זמן ובכל מקום (ווי די שש מצוות הידועות[16], אהבת ה' ויראת ה' וכו'), און עס זיינען פאראן מצוות התלויות בזמן ובמקום כו', ווי מצוות קרבנות וועלכע מ'קען היינט ניט מקיים זיין בפועל, נאר דורך "ונשלמה פרים שפתינו".

[בענין פרישות - היפך מענין אהבת ואחדות ישראל]:

וואס אין דעם איז אויך געווארן אן עילוי דוקא דורך דער ירידה אין גלות: בזמן בית ראשון און בית שני איז געווען מער דער ענין הפרישות, משא"כ דורך דער עבודה בזמן הגלות קומט צו אין ואהבת לרעך כמוך, דורך דעם וואס עס ווערן בטל די אלע מדידות והגבלות, כולל די וואס זיינען מפסיק צווישן איין אידן מיטן צווייטן, אזוי אז עס ווערט בטל יעדער הפסק, אפילו פון א "ווענטל" וואס איז מפסיק צווישן אידן, און עס ווערט אחדות ישראל, ביז - כאיש אחד בלב אחד, דורך דעם גילוי פון דעם חלק אלוקה ממעל ממש אין יעדן אידן, והעצם כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו, ובאופן פון **תפיסא** דוקא.

וואס דאס איז נאכמער מעורר אויף דער השתדלות וואס דארף זיין אין דער עבודה מיט נאך אידן, נוסף אויף קשוט עצמך, אויך קשוט אחרים, ובאופן פון "קשוט" מלשון קישוטים - אז די עבודה מיט דעם זולת איז אין אן אופן פון קישוטי כלה, פון אבנים טובות ומרגליות (וועלכע מ'געפינט אויך במצולות הים), אז נוסף צו דעם וואס מ'גיט יענעם כפי המוכרח - לחם לאכול ובגד ללבוש, די מחסורו - גיט מען אים אויך עשירות.

ובפרט נעמענדיק אין באטראכט אז א איד איז בעצם העכער פאר אלע ענינים, נאר בכדי מתקן זיין עולם און ברענגען איר לשלימותה קומט ער אראפ למטה און טוט די עבודה אין וועלט.

ועפ"ז איז מובן דאס וואס לע"ל וועלן זיין ערי מקלט, און עס וועט נאך צוקומען די ג' ערי מקלט - וכמבואר בכ"מ[17], אז דאס איז בכדי מכפר זיין דם הבל כו', ולכאורה - וואס האט יעדער איד

---

16) ראה הקדמה לספר החינוך. 17) כתבי האריז"ל - ל"ת, שער המצוות וספר הליקוטים - פרשתנו.

צוטאן מיט הבל: ער האט אים קיין מאל ניט געזען, ניט געווען בזמנו וכו׳, נאר וויבאלד אז תיקון כל הענינים שבעולם קומען דורך אידן, און דער אויבערשטער וויל זיי מזכה זיין אויך מיט דעם ענין - דעריבער וועלן זיי אויך מתקן ומכפר זיין אויך דם הבל, וי״ל אז דאס איז אויך כולל - די שבעה הבלים שבעולם[18].

* * *

[בענין המזמור לדוד ה׳ אורי שאומרים מר״ח אלול עד אחר הושע״ר]:

ג. וכידוע די ר״ת פון ״ארי-ה״ (ארי׳ שאג מי לא יירא) - אלול, ראש השנה, יוהכ״פ, הושענא רבה[19] - ד.ה. אז אלול ביז נאך הושע״ר איז איין המשך.

ולהעיר, אז דער סיום המזמור איז ״קוה אל ה׳״, וואס איז מרמז אויף תקות הגאולה, אחכה לו בכל יום שיבוא, און ״קוה אל ה׳״ ב׳ פעמים, כפליים לתושי׳ - וואס דאס איז דער ענין הגאולה (וועלכע איז פארבונדן מיט ענין הכפל), ובפרטיות: קוה פעם א׳ - די תקוה אויף דער גאולה, און קוה פעם ב׳ - די עבודה ותקוה וואס וועט זיין לאחרי הגאולה, דאע״פ אז דעמולט וועט זיין דער עיקר עבודה בכח עצמו, וועט אויך דעמולט זיין עליות, ילכו מחיל אל חיל, העכער און העכער, שלימות אחר שלימות. ואדרבה - כל הקרוב אל ה׳ איז ער מרגיש ווי ער איז כלא יותר, און דעריבער - אלץ נעענטער ער ווערט צו דעם מרחב העצמי, פילט ער נאכמער דעם ״מן המיצר״ (ניט א מיצר כפשוטו, נאר בערך דעם מרחב העצמי), וועלכער איז מעורר דעם ״קראתי י-ה״, וואס דורך דעם ווערט ״ענני במרחב י-ה״, ביז ״טרם יקראו ואני אענה״.

ד. כאן המקום צו דערמאנען וועגן די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב סיומים אין רמב״ם, אדער סיומי ספר תורה, אדער סיומי מסכתות וכיו״ב [וכמדובר כמ״פ, אז מ׳קען מאכן א סיום אפילו אויף א מסכת קטנה, וואס נאר א חלק ממנה איז גמרא, אדער א מסכת וואס איז כולה משניות].

ויה״ר אז עס זאל מקויים ווערן וואס עס שטייט אין התחלת כל הש״ס - ״מאימתי קורין את השמע בערבין״: אויך ״בערבין״ פון ליל הגלות - איז ״קורין״ וממשיכין אלופו של עולם (ענינו פון קריאת שמע), און מ׳טוט אויף דעם ענין פון אימה ויראה (״מאימתי״), מה

---

18) ראה קהלת א, א. אוה״ת עה״פ (נ״ך ע׳ א׳צח ואילך). וש״נ. 19) של״ה ריש מס׳ ר״ה (ריג, א). הובא באוה״ת נ״ך ע׳ תסז. ס״ע א׳נז.

להלן באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן כו׳[20], און אזוי אויך לאידך - מה כאן (אין דעם גילוי פון תורה חדשה לע״ל) באימה וביראה כו׳ אף להלן כו׳, ווייל בשעת מ״ת איז געווען מעין הגילוי דלע״ל, ווען עס וועט זיין "והיו[21] עיניך רואות את מוריך"[22].

און דעריבער, די וואס האבן צוגעשטעלט משקה - זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה, און מסביר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויה״ר אז צוזאמען מיט זיי זאלן אלע אידן עולה זיין מלמטה למעלה, פון עוה״ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, וואס דוקא דארטן ווערט די עלי׳ הכי גדולה, ביז למעלה פון כל גדר עליון ותחתון, און פון אלע קצוות פון העלם וגילוי, ביז דער גילוי פון בחי׳ ישת חושך סתרו, ולמעלה מזה [ובפרט דורך לימוד פנימיות התורה, ובפרט תורת החסידות, וואו ס׳איז דא א ריבוי ענינים פון סודות הקבלה - וואס דורך דעם ווערט נתגלה די פנימיות שלמעלה מגל גדר גילוי], ובלשון הידוע (כמבואר אין ביאורי הזהר פון דעם מיטעלן רבי׳ן[23]) - אז דער יש הנברא ווערט פאראיינציקט מיט דעם יש האמיתי.

[בהמשך לענין כי תצא למלחמה על אויבך, שישראל הם למעלה מכל מציאות העולם ומציאות של אויבך]:

ועפ״ז איז מובן וואס רש״י איז מפרש אויף "כי תצא למלחמה", אז דאס רעדט זיך וועגן מלחמת רשות - ווייל אידן מצ״ע זיינען העכער פאר דעם גאנצן ענין של מלחמה, און ירידתם למטה איז נאר ווייל דער אויבערשטער בעט זיך און איז זיך בא זיי מתחנן (אם בחוקותי, אין אם אלא לשון תחנונים) זיי זאלן יורד זיין - איז דאס אן ענין של רשות פאר זיי (ווייל זיי זיינען מצ״ע ניט מחוייב במלחמה זו).

און דערפון איז מובן, אז אויך לאחרי וואס די נשמה פון א איד איז יורד למטה אין א מצב של מלחמה - איז ער "על אויבך" כנ״ל, און ער קען פירן די מלחמה דורך מלחמתה של תורה בלבד - ילכו מחיל אל חיל אין קדושה עצמה, אז ער איז מוסיף נאך א שיעור תורה, נאך א קיום המצוה בהידור וכיו״ב, דורך לחמה של תורה (וואס לחם איז אותיות מלחמה).

20) חגיגה כב, א. 21) ישעי׳ ל, כ. 22) תניא פל״ו. 23) בשלח מג, ג.

[און אע״פ אז עס שטייט אז עס וועט דארפן זיין מלחמת גוג ומגוג, איז אבער וויבאלד אז כלו כל הקצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה, וואס תשובה איז בשעתא חדא, און נשיא דורנו האט מעיד געווען אז אידן האבן שוין תשובה געטאן - איז פארשטאנדיק אז די גאולה דארף קומען תיכף ומיד בלי שום הפסק זמן].

און אויך די מלחמה - מלחמתה של תורה - איז א מלחמת רשות, אז נוסף אויף קיום מצות תלמוד תורה ע״פ החיוב, איז ער מוסיף בלימוד התורה אויך אין די זמנים המותרים אויף טאן אנדערע דברים טובים, קלייבט ער אויס - **ברשותו** - אויסנוצן אויך די צייט אויף דעם טוב שבטוב - לימוד התורה, ובאופן פון ״יגדיל תורה ויאדיר״.

ועפ״ז איז אויך מובן פארוואס עס שטייט ״כי תצא למלחמה גו׳״ - ווייל בכדי עס זאל זיין די מלחמה, דארף זיין די יציאה פון אידן פון זייער אמת׳ן מעמד ומצב למעלה מכל סדר השתלשלות. אבער דוקא דורך דער יציאה - ווערט די עלי׳ הכי גדולה,

ע״ד ווי דאס איז בא דעם ענין פון **הוצאת** שבת - ״יציאות השבת שתים שהן ארבע כו׳ כיצד העני עומד בחוץ ובעל הבית בפנים פשט את העני את ידו לפנים כו׳ (ו)נטל מתוכה והוציא העני״[24], וואס אין דעם איז נרמז די עבודה רוחנית פון מוציא און ממשיך זיין די קדושה פון רשות היחיד אויך אין רשות הרבים, ביז אז כל העולם ווערט א רשות היחיד ליחידו של עולם. און דאס ווערט אויפגעטאן דורך עבודת העני (און ניט באופן פון נהמא דכיסופא), אז פשט ידו לפנים ונטל מתוכה, ער פירט זיך דארטן ווי ביי אים קומט אויס (און ווארט ניט אז דער בעה״ב זאל דאס אים געבן), און איז ממשיך קדושת רשות היחיד אויך אין רשות הרבים, און עס ווערט ״יציאות השבת שתים שהן ארבע״, וואס דאס גייט אויף שם י״ה (שתים) שהן ארבע - די ד׳ אותיות פון שם הוי׳[25].

און דורך דעם ווערט די שלימות בעולם פון ״אלה תולדות פרץ״, העכער פאר אלה תולדות השמים והארץ שבתחלת הבריאה - ווייל הגם אז דער מדרש[26] טייטשט אפ אויף ״יום אחד״ אז בתחלת הבריאה איז הקב״ה געווען יחיד בעולמו - דארף מען אויף דעם אנקומען צו אפטייטשונגען, און בפועל איז נאך דעמולט געווען אן אפשריות אויף נאך אן ענין, ווי ס׳איז באשאפן געווארן ביום שני- די

---

24) ריש מס׳ שבת. 25) לקוטי הש״ס שבת שם. 26) ב״ר פ״ג, ח.

אפשריות אויף מחלוקת, ביז מחלוקת בפועל[27], און דערנאך קומט צו דער מעלה פון יום השלישי - דורך עבודת האדם אין רשות הרבים פון וועלט, איז ער דארט ממשיך די קדושה און אחדות פון יחידו של עולם, אזוי אז עס ווערט נתבטל די גאנצע אפשריות אויף אן ענין פון רבים.

[בהמשך לענין אם בחוקותי תלכו - אם לשון תחנונים - שהקב״ה מתחנן לפני ישראל לירד למטה בס׳ השתלשלות ובעולם]:

ה. און דורך בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו - ווערט מקויים הבטחתו של הקב״ה "ונתתי גשמיכם בעתם"[28], אז דער אויבערשטער גיט אידן זייער גשמיות (כפירוש הבעש״ט) און פון כל סדר השתלשלות, ביז - "ואולך אתכם קוממיות"[29], קוממיות לשון רבים - כנגד דער נה״א און נה״ב, וואס דורך דעם (די ירידה במקום נה״ב) - ווערט "ואולך" - הליכה אמיתית, ובאופן פון "אתכם", וי״ל אז דאס איז כולל (נוסף אויף דעם פירוש הפשוט - אז דער אויבערשטער פירט אידן) אויך דער פירוש "אתכם" מלשון "אתכם" (באל״ף חרוקה), ע״ד דער פירוש[30] אין "ועשיתם אותם"[28], אתם כתיב ולא אותם, שמעלה עליו כאילו עשאוני - אז דער אויבערשטער גייט צוזאמען מיט אידן ("עמו אנכי בצרה"[31], ניט צרה כפשוטה ח״ו, נאר ע״ד מן המיצר בערך צום מרחב העצמי כנ״ל), ווייל אידן ווערן פאראייניקט מיט דעם אויבערשטן.

ו. דערפאר זאלן די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח - משמח אויך מצד טבע העולם מלשון העלם והסתר - ארויפגיין מלמטה למעלה, און דאס וועט נאכמער צוגעבן אין דער עלי׳ מלמטה למעלה פון כל העולם, כנ״ל.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן "והריקותי לכם ברכה". אח״כ צוה להש״צ שי׳ לנגן "יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳".

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

*

---

27) שם פ״ד, ו. זח״א יז, א ואילך. 28) ר״פ בחוקותי (כו, ג). 29) שם, יג. 30) זח״ג קיג, א. וראה ויק״ר פל״ה, ז. וראה לקו״ת שה״ש כא, ג. לד, ד. ועוד. 31) תהלים צא, טו.

לזכות
כ״ק אדמו״ר שליט״א

*

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו,
חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך
בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל
בנ״י שליט״א, קוממיות לארצנו הקדושה,
ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי
- התגלות מלך המשיח - נאו!

*

נדפס ע״י
החתן התמים **גבריאל אלכסנדר** והכלה מרת **לאה** שיחיו
נמדר

ליום נישואיהם בשטומו״צ
ה׳ אלול
תהא **ש**נת **מ**שיח **ט**ובה

*

ויה״ר שיזכו לגרום נחת לכ״ק אדמו״ר שליט״א

הכתובת לחשיג ח״תנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״ץ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 03-9606887-0

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ תצא
ט' אלול
ה'תשמ"ט

הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי

"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

מפתח

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ תצא, ט' אלול ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

[בענין שעוה"ז היא מציאות אמיתית ולא דמיון בעלמא]:

א. ווי ס'איז פארשטאנדיק פון דעם עצם ענין המצוות [ווי מצות תפילין, וואס הוקשה כל התורה לתפילין[1]], וועלכע מ'איז מקיים מיט דברים גשמיים, און אויך פון ברכת המצוות, ברכה מלשון המשכה - אז דער דבר גשמי מיט וועלכער מ'איז מקיים די מצוה, און אויף וועלכע ס'איז חל די ברכה והמשכה - איז א מציאות אמיתית, ניט נאר בעולמות העליונים, נאר אויך אין עוה"ז הגשמי, התחתון שאין תחתון למטה ממנו, וואו מ'איז מחוייב און מ'איז מקיים די מצוות בפועל. און זייענדיק א מציאות אמיתית דערפאר קען א איד דארט ממשיך זיין קדושה.

[בענין הצמיחה לע"ל]:

וכמארז"ל[2] עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקאות וכלי מילת - סיי פנימיים (גלוסקאות) און סיי מקיפים (לבושים - כלי מילת), ובתכלית השלימות - לחם פנג דלע"ל.

[בענין אמירת ב' פרקים דפרקי אבות]:

ולהעיר פון דער שקו"ט (ווי גערעדט כמ"פ), צי מ'זאגט דעמולט צוויי מאל "כל ישראל כו'" און מאמר ר' חנניא בן עקשיא: ס'איז דא א סברא אז מ'זאל דאס זאגן נאר איין מאל - וויבאלד אז אין דעם שבת איז מען מצרף ביידע פרקים צוזאמען; לאידך קען מען זאגן אז וויבאלד זיי זיינען צוויי באזונדערע פרקים (און אין די פריערדיקע וואכן האט מען זיי געזאגט אין באזונדערע שבתות און - יעדן מאל האט מען געזאגט באזונדער "כל ישראל כו'" און מאמר רחב"ע), זאל מען זאגן "כל ישראל" און מאמר רחב"ע צוויי מאל (בא יעדן פרק באזונדער), ובפרט ע"פ הכלל[3] אז אין עושין מצוות חבילות חבילות.

[בענין משה אותיות מה ש']:

און יעדער איד האט אויף דעם כח דורך בחי' משה שבקרבו[4], וכמאחז"ל[5] עה"פ[6] מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה, אז לגבי משה מילתא זוטרתי היא, פאר א איד איז יראה אן ענין פון מה-בכך. ביחד עם זה דארף אבער זיין מעשיך ועבודתך בקב שלו.

---

1) קידושין לה, א. 2) שבת ל, ב. 3) ברכות מט, א. 4) תניא פמ"ב. 5) ברכות לג, ב. 6) עקב י, יב.

און פון בחי׳ מה באקומט מען כל השלימות פון מאה - א״ת מה אלא מאה[7] - די מאה ברכות שבכל יום.

[בענין עשר ארצות לע״ל]:

ניט נאר די ז׳ מדות (״וחזקת והיית לאיש״), נאר אויך די ג׳ מוחין, כמבואר אין דעם אל תצר את מואב פון דעם מיטעלן רבי׳ן[8].

[בענין גילוי הרחמים בחודש אלול, כשהמלך בשדה]:

און ווי מ׳זאגט דעמולט ״לדוד ה׳ אורי״ מצד דעם גילוי אור בחודש אלול, ובסיומו - זאגט מען ״קוה אל ה׳״ צוויי מאל.

וכמרומז אויך אין ״ארי-ה״ ר״ת אלול, ראש השנה, יום הכפורים, הושענא רבה[9] - וואס ארי׳ איז אויך אותיות ראי׳. און דער גילוי הויבט זיך שוין אן אין חודש אב וואס מזלו ארי - דורך אתהפכא פון ארי׳ דלעו״ז צו ארי׳ דקדושה.

[בענין בכורים לשון בכור]:

און דא שטייט בכורים לשון רבים, וואס באדייט אז נוסף אויף מעלת היחיד, כי תבוא לשון יחיד, וועט אויך זיין מעלת הציבור, ווי ס׳וועט אויך זיין לע״ל - ואתם תלקוטו לאחד אחד בני ישראל[10], און ביחד עם זה - קהל גדול (אלס א קהל וציבור) ישובו הנה[11].

און באופן פון ״הנה״ לשון מיד, און אויך לשון שמחה - אזוי ווי ״והי׳ (כי תבוא אל הארץ)״ - אין והי׳ אלא לשון שמחה, ביז שלימות השמחה,

[כולל שמחת פורים, וואס איז פארבונדן מיט זמן הגלות, אכתי עבדי דאחשורוש אנן[12], אז עס ווערט אחשורוש מלשון אחרית וראשית שלו[13], אנהויבנדיק פון אחרית וראשית שלו אין דער עבודה פון א אידן - אז ער ווערט א בעה״ב אויף כל מציאות העולם ומציאות הזמן, אז אחרית וראשית ווערט שלו. ואדרבה - דוקא אין אחרית, נדחך בקצה השמים, ווערט משם יקבצך ה׳ אלקיך[14]].

און מ׳ברענגט די ביכורים אין בית המקדש, ווי זי שטייט בשלימות - כהנים בעבודתם לויים בדוכנם וישראל במעמדם [במעמד

7) מנחות מג, ב ובתוס׳ שם. 8) נדפס במאמר אדהאמ״צ דברים ח״א בתחלתו. 9) של״ה ריש מס׳ ר״ה (ריג, א). הובא באוה״ת נ״ך ע׳ תסז. ס״ע א׳נז. 10) ישעי׳ כז, יב. 11) ירמי׳ לא, ז. 12) מגילה יד, א. 13) מאו״א ערך אחשורוש. 14) נצבים ל, ג.

חזק], די התכללות פון אלע אידן צוזאמען, כהנים לויים וישראלים, וועלכע זיינען כנגד די ג׳ קוים, און לוי קומט צווישן און איז מחבר כהן און ישראל.

ובפרטיות איז בחי׳ לוי פאראן בא יעדער איד - כפס״ד הרמב״ם[15] לא שבט לוי בלבד כי אם כל איש ואיש אשר נדבה רוחו אותו כו׳ הרי זה נתקדש קדש קדשים כו׳ אתה תומיך גורלי״, בחי׳ גורל פארבונדן מיט יוהכ״פ, וואס קומט בהמשך צו חודש אלול (כנ״ל בענין ארי׳ ר״ת אלול ר״ה יוהכ״פ הושע״ר).

ויה״ר אז עס זאל גלייך מקויים ווערן דער ״והי׳ כי תבוא אל הארץ״, תיכף ומיד ממש אין ארץ ישראל, אזוי אז עס ווערט ״והי׳״ לשון עבר, נאך אינמיטן פון דער התוועדות, נאך פאר תפלת מנחה, ובפרט אז מ׳שטייט שוין נאך תפלת שחרית און תפלת מוסף, וואס בכמה ענינים איז דאס סיום תפלת היום, בדוגמת תפלת נעילה ביוהכ״פ,

ביז דער פירוש הפשוט אין מוסף (מוספים) מלשון הוספה, ביז די הוספה עיקרית - פון דעם אות אל״ף פון אלופו של עולם וועלכע מ׳שטעלט אריין אין גלות, וואס דורך דעם ווערט - גאולה, ותיכף ומיד ממש, למטה מעשרה טפחים.

* * *

[בענין עבודת הבירורים בימי שלמה ע״י ריבוי התגלות אור]:

ב. ועד״ז בעבודת כל א׳ מישראל - דורך שום תשים עליך מלך[16], האט ער בכח צו ממשיך זיין אויף זיך א מלך בדרגת מלך שלמה. ובפרטיות - צו ממליך זיין רצון וחפץ שלו האמיתי (לעשות רצון ה׳) אז זיי זאלן מושל ושולט זיין איבער אלע זיינע כחות הנפש, און דורך דעם - פועל׳ן בירור העולם שלמטה ומחוץ ממנו. ע״ד ווי ס׳איז געווען בזמן שלמה - שלום הי׳ בימיו [ביז - מעין פדה בשלום נפשי דלע״ל, ווי דער מיטעלער רבי איז מבאר[17]], וישב שלמה על כסא ה׳, און דורך דעם האט ער גע׳פועל׳ט בירור העולם [ולהעיר, אז כסא איז ניט דער מלך אליין, אבער ביחד עם זה האט עס אין זיך בכמה ענינים דעם דין פון דעם מלך, ביחס צו דעם כבוד וואס מ׳דארף האבן צו כסא המלך וכיו״ב. וכמובן אויך פון כמה תפלות ר״ה ויוהכ״פ].

---

15) סוף הל׳ שמיטה ויובל. 16) שופטים טז, טו. 17) שערי תשובה ח״ב ד״ה פדה בשלום פי״א.

[בענין משה קיבל תורה מסיני]:

ודוגמת זה - איז דא בעבודת האדם בכל יום ויום, כנוסח ברכת התורה ״נותן התורה״ לשון הוה - ווארום כל יומא ויומא עביד עבידתי׳[18], עבידתי׳ שלו דוקא (וואס איז ניט געווען אין אלע ימים שלפנ״ז און וועט ניט זיין אין אלע ימים שלאח״ז), און דעריבער איז דא דער ענין פון מתן תורה וקבלת התורה בכל יום ויום לפי עבודתו פון יום זה, וכידוע אז במשך פון טאג (לויט דער עבידתי׳ פון דעם טאג) - פון אנהויבס טאג ביז סוף היום (ווען ער מאכט א חשבון צדק פאר ״בידך אפקיד רוחי״) - גייט א א איד דורך כל עבודתו אין גאנץ סדר השתלשלות, פון עולם העשי׳ (עולם הפשט), ביז עולם האצילות (עולם הסוד), מלשון אצלו וסמוך לו, און אלע עולמות בינתיים.

קומט אויס אז אין עבודת האדם בכל יום איז דא דער מצב פון לפני מ״ת (בערך צו מ״ת שביום זה), מתן תורה [פון משה רבינו, רבינו דוקא, וואס עפ״ז איז מובן אז ״ומסרה ליהושע״ גייט אויף יעדער איד], און דער מצב לאחרי מ״ת, ביז דער סיום פון מעשינו ועבודתינו במשך יום זה - מתן שכר של צדיקים לע״ל.

און וויבאלד אז א איד האט משלים געווען עבודתו במשך יום זה, קען ער כביכול מאנען בא דעם אויבערשטן - לא תלין פעולת שכיר[19], ביום תתן שכרו[20] - ווייל ער האט משלים געווען עבודתו במשך היום לעשותם, און ער גרייט שוין צו די קעשענע פאר למחר לקבל שכרם.

אבער דער עיקר איז דאך היום לעשותם, משא״כ אויף למחר לקבל שכרם שטייט אז ס׳איז ימים שאין בהם חפץ, און דאס קומט אלס שכר ותוצאה פון דער עבודה איצטער אין וועלכע יש בהם חפץ, און אויך וועלכע עס שטייט חטוף ואכול חטוף ואשתי כבי׳ הילולא דמיא, דמיא אויך למעליותא - ווייל ס׳איז העכער פאר בי הילולא. ע״ד ווי דער נוסח השבע ברכות ״כשמחך יצירך בגן עדן מקדם״, כשמחך בכ״ף הדמיון, ווייל ס׳איז נאך העכער דערפון.

[בענין שבועת משה אל יתרו ״ויואל משה״]:

וואס יתרו איז פארבונדן מיט דער עבודה הנ״ל - אתהפכא, כידוע אז יתרו איז געווען כהן מדין, און האט זיך מגייר געווען.

[סיום השיחה]:

---

18) זח״ג צד, ריש ע״ב. 19) קדושים יט, יג. 20) פרשתנו כד, טו.

ג. וכאן המקום להזכיר אז שטייענדיק אין חודש אלול, ווען דער מלך איז בשדה [ווי דער ביאור אין דעם זאל זיין בנוגע צו דער הוספה וואס קומט אין דעם צו אין די שבתות בחודש אלול] - זאל מען מוסיף זיין בהחלטות טובות אין אלע ענינים פארבונדן מיט חודש אלול.

ויה״ר אז עס זאל זיין ״כי תבוא אל הארץ״, אנהויבנדיק דורך דער עבודה פון ״מאך דא ארץ ישראל״, כפתגם הידוע פון דעם צמח צדק[21], וואס די צוויי נעמען שלו זיינען די שמות פון משיח צדקנו, און דערנאך ווערט דאס נמשך אין בנו ממלא מקומו, ובאופן פון ״מלכתחילה אריבער״[22], און דערנאך אין בנו ממלא מקומו - וואס שמו באדייט דער ענין פון שלום (ע״ד שלמה ששלום הי׳ בימיו), ביז אז דאס ווערט נמשך און פעול׳ט אין ״דוב בער״, המסורבל בבשר[23], וואס בשר באווייזט אויף דעם ענין הגשמיות וחומריות, ובאופן אז דאס ווערט מסורבל - אלץ צוזאמענגעקליבן אין איין ארט, ובמילא איז פארשטאנדיק אז מ׳האט ניט אויף וואס צו ווארטן און אפלייגן, ווארום ס׳האט זיך אלץ צוזאמענגעקליבן.

ובפרט בשעת מ׳שטייט ביום השבת, און בעת א חסיד׳ישן פארברענגען, וועלכע טוט אויף מער פאר מלאך מיכאל[24], שרן של ישראל. וואס הייסט מער פאר שרן של ישראל? ווייל שרן של ישראל איז אין סדר השתלשלות, און דורך א חסיד׳ישער פארברענגען דערגרייכט מען העכער פאר סדר השתלשלות!

און מ׳טאנצט תיכף ומיד ממש - ונשיא דורנו בראשנו - לקבל פני משיח צדקנו, בשמחה גדולה. ובפרט ווי מ׳פירט זיך לאחרונה צו מסיים זיין מיט א ניגון שמח, וואס דאס גיט צו נאכמער אין דער שמחה פון דער גאולה האמיתית והשלימה מתוך שמחה וטוב לבב. ובפרט אז מ׳זינגט דעם ניגון שמח - וכ״ק אדמו״ר שליט״א התחיל לנגן ניגון הקפות דאביו ז״ל.

* * *

ד. ס׳איז רגיל צו מסיים זיין מיט דעם, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב פארשידענע פעולות טובות אין די ג׳ קוים פון תורה עבודה וגמ״ח וכיו״ב - זאלן ארויפגיין, ומהם יראו וכן יעשו רבים: די וואס האבן נאך דערווײלע ניט געטאן,

---

21) אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ תפה. 22) שם ע׳ תריז. 23) קידושין עב, א ובפרש״י. 24) אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ג ע׳ תיג.

זאלן אנהויבן טאן, און די וואס האבן שוין געטאן בעבר - זאלן צוגעבן אין זייערע פעולות באופן פון כפליים לתושי׳.

און דערנאך - זאל מען זינגען דעם ניגון עה״פ[25] ״אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך״ וועלכע מ׳וועט זאגן בסוף תפלת מנחה, וואס דאס גייט אויף דער גאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין ״אך צדיקים - ועמך כולם צדיקים[26] - יודו לשמך ישבו ישרים את פניך״, באופן של התיישבות.

און נאך תפלת מנחה וועט מען זאגן פרקי אבות - ״משה קיבל תורה מסיני״, וואס איז כולל כל התורה כולה, כידוע אז מתן תורה וועט נאכאמאל ניט זיין[27], וי״ל אז דאס איז אויך כולל תורה חדשה מאתי תצא[28]. און דער ענין פון מ״ת ווערט נמשך בכל יום - ״נותן התורה״ לשון הוה, בכל יום יהיו בעיניך חדשים. און דערנאך - פרק ב׳, ביז סיומו - ״ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבוא״, שלימות השכר אויף דער עבודה אין היום לעשותם, כנ״ל.

וכאמור, די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח זאלן ארויפגיין מלמטה למעלה, און דאס איז נאך לייכטער שטייענדיק אין חודש אלול ווען דער מלך איז בשדה, און דערפון ווערט נמשך כח אז יעדערער זאל עולה זיין מלמטה למעלה אין אלע זיינע ענינים,

ובאופן פון מראה באצבעו ואומר זה: אט איז די משקה, אט איז דער וואס טוט די פעולות טובות, אט איז ער מכריז וועגן דעם בקול רם, קול גדול ולא יסף[29], און ער איז מזמין די מסובים כאן, עכ״פ באי כחם, ועוד ועיקר - מזמין זייער רצון וחפץ - צו זיך משתתף זיין אין די פעולות,

וממנו יראו וכן יעשו רבים - אז יעדערער איז מראה באצבעו ואומר זה (בלבו פנימה, במילא איז אין דעם ניטא קיין חשש פון יוהרא ח״ו) - אט איז נאך א החלטה טובה בקיום התומ״צ,

כולל אויך - אז מ׳ווינטשט אן אידן - כמנהג ישראל בחודש אלול - מיט א כתיבה וחתימה טובה.

און דאס (די הכרזה והזמנה פון אלע מסובים) ווערט א הכנה צו הזמנת משיח צדקנו ער זאל קומען אין דעם ביהכנ״ס באמצע, און מ׳טאנצט אריין אלע צוזאמען - באופן פון מדלג על ההרים ומקפץ

---

25) תהלים קמ, יד. 26) ישעי׳ ס, כא. 27) ד״ה מצה זו תר״ם ע׳ לט. סה״מ תרמ״ז ע׳ פז. ועוד. 28) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג. 29) ואתחנן ה, יט.

על הגבעות[30] - בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א הורה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'". לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה. אח"כ ניגנו "אך צדיקים גו'"].

*

הנחת הת' בלתי מוגה

30) שה"ש ב, ח.

הכתובת לחשיג ת"התנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-9606887-0

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ נצבים וילך
כ"ג אלול
ה'תשמ"ט

הנחה פרטית בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

מפתח

השלמות להנ"ל

הנחת הת' בלתי מוגה

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ נצבים וילך, כ"ג אלול ה'תשמ"ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין הביטול בתכלית שמתבטא בזה שלא תוקע שופר בר"ה שחל להיות בשבת]:

א. בשעת מ'שטייט אין אזא מצב פון ביטול אז ער איז כלל ניט קיין מציאות - דארף מען פארשטיין וואס איז דעמולט דער ענין פון לימוד התורה וקיום המצוות? ויש לומר, אז בשעת מ'האלט בא דעם אופן הביטול איז תומ"צ אין אן אופן וואס איז העכער פאר נתינת התורה און ציווי על המצוות (וואס נתינה און ציווי איז שייך בשעת ס'איז דא א מציאות פון מקבל ומקיים המצוה).

און ניט אז דעמולט איז דא א חסרון ח"ו (וויבאלד אז ער איז ניט קיין מציאות), נאר אדרבה - דורך דעם האט מען תכלית השלימות פון אלע שלימות'ן (און דאס וואס איז נאך העכער פאר גדר ותואר שלימות) - עצמות ומהות, שלמעלה מכל גדר ותואר כו'.

[בענין שגם שלילה מורה על איזה שייכות לדבר הנשלל]:

וכמבואר אין לקו"ת בתחלתו[1] בנוגע צו ידיעת השלילה, אז "ע"י ריבוי השלילות אפשר להגיע כמעט לציור הדבר כמו שהוא כו'".

[סיום השיחה]:

ב. און דורך דער עבודה באופן פון תכלית הביטול, ובפרט שטייענדיק ביום השבת, וואס ביום שמחתכם אלו השבתות[2], וואס שמחה איז פורץ אלע גדרים והגבלות, ביז אויך די גדרים שלמעלה מהגבלה כו' - איז מען פורץ אויך דעם גדר פון גלות, און עס קומט גלייך די גאולה, ולא עכבן אפילו כהרף עין[3], אבער אין אן אופן וואס איז העכער פאר עין און העכער פאר הרף.

ויה"ר אז פון דעם דיבור אין די ענינים - וואס דיבור איז פארבונדן מיט א תואר ומציאות כו' - זאל בפועל קומען די גאולה האמיתית והשלימה,

אבער אין אן אופן וואס איז העכער פאר גדר גאולה (וואס ווייזט אז דאס איז בגדר פון גלות און גאולה מן הגלות), און העכער פאר אמיתית, און אפילו פאר אמת לאמיתו, און העכער פאר שלימה,

און עס וועט זיין קיום המצוות בתכלית השלימות, כמצוך רצונך, און נאך העכער פאר דעם גדר פון כמצות רצונך, ווארום ס'איז

1) פקודי ו, ג. 2) בהעלותך י, י ובספרי. 3) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

ניטא קיין מציאות, נאר די מציאות פון דעם אויבערשטן, און מלבד זה איז ניטא קיין ענין ומציאות.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א חייך, ואמר:] ס׳איז אבער דא די מציאות פון חסידים, און חסידים זיינען זיך עוסק אין הפצת המעינות חוצה, וואס אזוי וועט זיין אויך לע״ל.

וכל זה - תיכף ומיד ממש, און נאך העכער פאר תיכף, העכער פאר מיד, און העכער פאר ממש - בפשטות ממש, און נאך העכער פאר פשטות און העכער פאר ממש.

* * *

[בקשר עם סיום שנת המאתיים להולדת אדמו״ר הצ״צ]:

ד. ולהעיר אז במשך שנה שעברה (שנת המאתיים) האט מען געדרוקט אין די ספרים אז ס׳איז ״שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ״. ויש לעיין ווי מ׳וועט טאן לאחרי סיום שנת המאתיים - דלכאורה האט קיין ארט ניט צו מפסיק זיין א דבר טוב, ולאידך - קען מען דאך ניט שרייבן אז ס׳איז שנת המאתיים.

וויבאלד אבער אז אחכה לו בכל יום שיבוא, און עס וועט זיין והקיצו ורננו שוכני עפר - וועט מען פרעגן בא דעם צ״צ אליין וואס מ׳זאל טאן, ווייל אויך דעמולט וועט מען דרוקן ספרי חסידות...

[בענין שמו של הצמח צדק, צדק מלשון ״והי׳ צדק אזור מתניו״]:

וואס דאס מתניים איז פארבונדן מיט דעם ענין האמונה - ״דבר המעמיד ומקיין את הראש״, כמבואר באגה״ק[4].

[בענין שמו מנחם]:

וואס דאס ווייזט אויך אויף אתהפכא - מהפך זיין די ענינים פון אב עס זאל זיין מנחם אב (פריער מנחם און דערנאך אב), און דאס מאכט איבער דעם גאנצן חודש, אנהויבנדיק פון ראש חודש.

[בענין הפעולות בהפצת המעינות חוצה בקשר ליום הולדת הצ״צ]:

וואס באם צ״צ, נאך בימי חייו, איז געווען בהדגשה דער ענין פון הפצת המעינות חוצה.

בזמן האריז״ל איז געווען ״מצוה לגלות זאת החכמה״[5], און דערנאך בי״ט כסלו הידוע האט זיך אנגעהויבן דער עיקר ענין פון

---

4) ס״א. 5) אגה״ק סכ״ו (קמב, ב).

יפוצו מעינותיך חוצה [כשיחה הידועה פון דעם רבי'ן (מהורש״ב) נ״ע[6], וואס יום חתונתו איז געווען בימים הקרובים, ועד״ז יום חתונתו פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, כנזכר בהתוועדות שלפנ״ז[7]], און אין דעם איז צוגעקומען נאכמער הדגשה דורכן צ״צ.

ה. בכל זה קומט צו דער לימוד פון היינטיקע פרשה - נצבים וילך - וואס איז מרמז אויף צוויי אופני עבודה: נצבים - שטיין מיט א תוקף אין איין עבודה. וילך - די הליכה צו אנדערע עבודות. און בשנה זו - ווען זיי זיינען פרשיות מחוברות - דארף זיין דער חיבור פון ביידע עבודות צוזאמען (כמדובר לעיל[8]).

דערנאך קומט מען צו פ׳ האזינו - ״האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי״, וכמאחז״ל[9] אז משה איז געווען קרוב לשמים ורחוק מן הארץ. דער לימוד דערפון: יעדער איד איז באמת קרוב לשמים, ווארום ער איז העכער פאר כל מציאות העולם (ארץ) און מדידה והגבלה, ביז - העכער פאר כל ענין של מציאות כו׳, ווי גערעדט פריער בארוכה; אבער ביחד עם זה - ווערט דער ענין נתגלה אויך ווי אידן געפינען זיך בארץ, ואדרבה - א איד מאכט א געוואלד אז עס דארף אויך זיין אן ארץ, ווארום תורה לא בשמים היא[10], און זי איז געגעבן געווארן דוקא למטה בארץ, און דארטן האט מען דעם כח אויף פסק׳נען א אידן[11], כמובן אויך פון מאחז״ל[12] ״מאן נוכח רבה בר נחמני״ (און צי די הלכה בלייבט ווי ער איז תלוי אין דער שקו״ט צי ער איז דעמולט געווען א נשמה בגוף[13], כמדובר כמ״פ).

ויש לקשר זה אויך מיט דעם סיפור חז״ל מיט רבה בר נחמני[14] אז ״חזיתינהו (חמתי המדבר) ודמו כמאן דמיבסמי״, ״שהיו שוכבין בפנים צהובות כשתויי יין״ (רש״י). וואס די שלימות איז - בשעת דער גילוי פון מיבסמי, וואס דאס גייט אויך אויף גילוי פנימיות התורה (בחי׳ יין שבתורה), ביז אויך יין המשומר לע״ל - זאל זיין ניט אין שמים, נאר נתגלה ווערן דוקא צו א נשמה בגוף למטה בארץ.

ויה״ר אז אזוי זאל זיין בפועל ובגילוי, און ניט דארפן

---

6) תורת שלום ע׳ 112 ואילך. 7) שיחת ש״פ ויצא. 8) אור ליום ב׳ פ׳ נצו״י, ח״י אלול. 9) ספרי ר״פ האזינו. 10) נצבים ל, יב. ב״מ נט, ב. 11) ראה דב״ר פ״ב, יד. 12) ב״מ פו, א. 13) ראה כס״מ על רמב״ם הל׳ טומאת צרעת ספ״ב. לקו״ש חי״ב ע׳ 65. 14) ב״ב עג, ב.

אנקומען צו נאך א ביאור והסברה, און אפילו ניט צו משקה - ווייל עס קומט גלייך די גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

* * *

ו. היינט איז דא נאך אן ענין פארבונדן מיט מיר במיוחד: בכ״ג אלול איז דער יארצייט פון דעם זיידן, וואס ער איז געווען א ״זיצער״ בא דעם רבי׳ן מהר״ש, און דערנאך געווען א רב, און האט זיך עוסק געווען אין הפצת המעינות חוצה וכו׳.

דער בעל היארצייט האט צוויי נעמען - מאיר שלמה. וואס דאס איז מרמז אויף דער חיבור פון צוויי ענינים אין עבודת ה׳, דער ענין פון מאיר און דער ענין פון שלמה, און ווי זיי ווערן איין נאמען (ווי מ׳דארף עס שרייבן אין א שטר - אלס צוויי נעמען, מיט א הפסק בינתיים, אבער דוקאביידע נעמען).

אין ביידע נעמען איז דא א חיבור פון צוויי קצוות:

מאיר גייט אויף דער עבודה פון רבי מאיר, וואס אויף אים שטייט אז ״לא יכלו חביריו לעמוד על סוף דעתו״[15], וואס דאס באווייזט אויף גודל ועומק דעתו, אבער אין אן אופן אז דאס שטייט בגילוי (ווייל אויב ניט איז ניט שייך זאגן אויך דעם ״לא יכלו לעמוד״), נאר צוליב רוב עומקו ארכו ורחבו (און אלע דריי צוזאמען) לא יכלו לעמוד על זה, און דערפאר לא קבעו הלכה כמותו[15]. ולאידך - איז ידוע דער כלל אז ״סתם מתניתין ר׳ מאיר״[16], און ״הלכה כסתם משנה״[17] (חוץ אין געוויסע ערטער) - הלכה למעשה בפועל.

שלמה איז מלשון שלימות, ווי ס׳איז געווען בא שלמה המלך וואס ״שלום הי׳ בימיו״[18], און ניט נאר בימיו נאר דאס גייט אויך אויף דער שלום לע״ל (ווי דער מיטעלער רבי איז מבאר[19]), וואס א מלך איז מרומם און העכער פאר כל אנשי העם, וכמ״ש[20] ״וישב שלמה על כסא ה׳״, וואס דוקא דער מלך איז יושב על כסא ה׳, משא״כ שאר העם (אפילו דער משנה למלך) טארן ניט זיצן אויפן כסא המלך. לאידך גיסא - איז דער ענין פון דעם מלך וואס ער פירט אן מיט כל עניני העם, וכמרומז אויך אין ״וישב על כסא״ - כמבואר בתו״א בתחלתו ד״ה השמים כסאי והארץ הדום רגלי, אז ישיבה ווייזט אויף

---

15) עירובין יג, ב. 16) סנהדרין פו, א. 17) שבת מו, א. וש״נ. 18) ראה דה״א כב, ט. 19) שע״ת ד״ה פדה בשלום פי״א. 20) דה״א כט, כג.

א ירידה והמשכה למטה, ״כמו הישוב על הכסא משפיל קומתו״, און דורך דעם ווערט אויך ״והארץ הדום רגלי - השרפרף לכסא שמגבי׳ הרגלים״, ביז אז דורך דעם רגל (די עבודה בבחי׳ רגל) ווערט מוחו ולבו זכים אלף פעמים ככה, און ס׳איז פארשטאנדיק פון הגהת הצ״צ[21] אז אלף איז ניט קיין גוזמא (ווי עס שטייט בנוגע צו דעם מאחז״ל ״אפילו מאה פעמים״ וכיו״ב, אז דאס איז א גוזמא), ווי פארשטאנדיק פון דעם מאחז״ל[22] וואס ער ברענגט אויף דעם ״אלף בני אדם נכנסים למקרא כו׳ יוצא מהם אחד להוראה״ - וואס הוראה איז פארבונדן מיט דער המשכה למטה.

ע״ד די צוויי קצוות הנ״ל (אין מאיר און שלמה) איז געווען בא דעם בעל היארצייט: ער איז געווען א ״זיצער״ בא דעם רבי׳ן מהר״ש, וואס ענינו איז ״מלכתחילה אריבער״, און אזוי איז דאס נמשך געווארן בא דעם בעל היארצייט במשך כל ימי חייו (און אויך נמשך געווארן לדורות שלאחרי זה כו׳), ווארום קדושה לא זזה ממקומה. צוזאמען דערמיט איז ער דערנאך געווען א רב מורה הוראה, פוסק הלכות בפועל, כולל - שאלות אין עניני מסחר, און אין ענינים פארבונדן מיט גזירת המלכות וכו׳.

ולהוסיף, אז די צוויי נעמען זיינען אויך פארבונדן מיט דער גאולה העתידה: מאיר - לא עמדו על סוף דעתו - ע״ד ״מלאה הארץ דיעה את ה׳ כמים לים מכסים״[24], אז דעת ה׳ איז ממלא כל מציאות הים און כל הנמצא בתוך הים, אזוי ווי מים איז מכסה אויף דעם ים און אויף כל הברואים שבים, וכמדובר כמ״פ[24] די הוספה פון ״כמים לים מכסים״ אויף דעם וואס דער רמב״ם שרייבט אין הל׳ תשובה[25] וואו ער ברענגט ניט סיום הכתוב. שלמה - פארבונדן מיט דער שלום ושלימות דלע״ל, כנ״ל.

ולהוסיף אויך דער קשר מיט דעם צ״צ (וואס שמו - איז שמו של משיח צדקנו), וואס יום הולדתו איז בערב ראש השנה [ולהעיר אז זיין נאמען ״מנחם״ האט מען אים געגעבן בתחלת חייו (ניט ווי דער נאמען ״צמח צדק״), ע״ד ווי עס שטייט בא משה רבינו - אז כשנולד נתמלא הבית כולה אורה[26]. און ס׳איז פארשטאנדיק דער גודל השמחה וואס איז דעמולט געווען (בשעת הולדת הצ״צ בערב ראש

---

21) אוה״ת בראשית (כרך ו) תתרכו, ב ואילך. 22) אבות פ״ג מ״ט. 23) ישעי׳ יא, ט. רמב״ם סוף הל׳ מלכים. 24) ראה הדרן על הרמב״ם שנה זו. 25) רפ״י. 26) סוטה יב, א. שמו״ר ופרש״י עה״פ שמות ב, ב.

השנה) בא זיין פאטער און מוטער, בא זיין זיידן און באבעס וכו׳] - ווייל דער בעל היארצייט (פון כ״ג אלול) איז געווען א ״זיצער״ בא דעם רבי׳ן מהר״ש, בנו וממלא מקומו פון דעם צ״צ. און ס׳איז אויך ידוע דער קשר צווישן א יארצייט און א יום הולדת - כמ״ש[27] ״ויום המות מיום הולדו״.

ולהעיר, אז שנת המאתיים איז אויך פארבונדן מיט דעם פסוק ״האלף לך שלמה, ומאתים לנוטרים את פריו״, ע״ד דער ענין פון אלף בני אדם נכנסים כו׳ ואחד יוצא להוראה, פארבונדן מיט די המשכה פון כסא ה׳, כנ״ל.

דערפון איז אויך דא א לימוד צו יעדן אידן: עס זיינען דא מענטשן וואס הייסן נאר מיט נאמען מאיר, און אנדערע וואס הייסן נאר מיטן נאמען שלמה. וואס דאס באווייזט אויף צוויי באזונדערע עבודות כנ״ל. דערנאך איז דא א דריטע עבודה - ווי דאס איז געווען באם בעל היארצייט וואס שמו איז ״מאיר שלמה״ - אז ס׳איז דא דער חיבור פוןביידע ענינים צוזאמען.

וע״ד ווי מ׳האט גערעדט בנוגע צו פ׳ נצבים וילך, אז ס׳איז דא ווי ״נצבים״ און ״וילך״ גייען אויף צוויי באזונדערע עבודות, און בשנה זו - ווען זיי זיינען פרשיות מחוברות - קומט צו א דריטע עבודה: דער חיבור פון ״נצבים״ און ״וילך״. ובכל רגע ורגע קומט צו אן עלי׳ לגבי דער רגע שלפנ״ז אין דער עבודה מחוברת פון ״נצבים-וילך״, דרגא אחר דרגא (וויבאלד אז עס דארף זיין אן עבודה מסודרת).

דערנאך קומט צו א פערטער ענין - די עבודה פון ״האזינו״.

ועד״ז איז אויך בנוגע צו דער חיבור פון ״מאיר שלמה״. ותן לחכם ויחכם עוד.

ויה״ר אז עס זאל שוין קומען די גאולה וקיום היעוד - והקיצו ורננו שוכני עפר, און דער צ״צ און דער בעל היארצייט בתוכם, באופן אז מראה באצבעו ואומר זה.

* * *

ז. ס׳איז רגיל מסיים זיין דערמיט אז די וואס האבן צוגעשטעלט בוטלעך משקה צוליב פארשידענע פעולות טובות אין הפצת המעינות חוצה וכיו״ב, ובפרט בקשר מיט סיום שנת המאתיים להולדת הצ״צ - זאלן ארויפגיין, און וויבאלד אז ס׳איז שבת - אויך טועם זיין

---

27) קהלת ז, א.

הנחת התי׳ בלתי מוגה

פון דער משקה, און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און מזמין זיין די מסובים כאן, ומהם יראו וכן יעשו רבים.

און כאן המקום צו נאכאמאל דערמאנען וועגן די החלטות טובות בקשר מיט דעם יום הולדת פון צ״צ - וואס מפקחין על צרכי ציבור בשבת, און אין מזרזין אלא למזורזין, און אנהויבן טאן די ענינים השייכים צו טאן ביום השבת, און די איבעריקע - ממשיך זיין טאן נאך שבת.

ובפרט אז ס׳איז אויך שבת סליחות, וואס במוצאי מנוחה הויבט מען אן זאגן סליחות נאך חצות הלילה (כמנהג חב״ד), וואס במדינות אלו איז דאס בסמיכות צו עלות השחר. ווי עס שטייט אין דעם אלטן רבין׳ס סידור בנוגע צו ספירת העומר: ״וזמן התחלת עמוד השחר מח״י אייר ואילך במדינות אלו הצפוניות היא בחצות הלילה כו׳״. ויה״ר אז מ׳זאל שוין קומען צו דער גאולה העתידה ווען קיום מצות ספירת העומר וועט זיין מן התורה, וואס ספירת העומר איז א הכנה צו מתן תורה - תורה חדשה מאתי תצא, אין פנימיות התורה, ועד״ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דער חידוש וואס וועט דעמולט זיין בנגלה דתורה.

און מ׳איז דאס אלץ מזרז דורך די פעולות טובות פון אידן, כולל די פעולות הנ״ל וואס צוליב זיי וועט מען איצטער עולה זיין צו נעמען משקה. און אזוי זאל יעדער איד עולה זיין מלמטה למעלה ממעמדו ומצבו, ביז מ׳וועט זוכה זיין צו דעם זמן פון ״כולה משקה״.

ובפרט דורך זינגען איצטער א ניגון שמח, וואס שמחה איז פורץ גדר, ובאופן אז אין דעם ניגון איז ניכר ווי דאס איז פורץ גדר.

[ניגנו ניגון שמח. לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״. אח״כ צוה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. ולאחרי עוד הכרזה - התחיל לנגן עוה״פ ״והריקותי גו׳״].

* * *

ח. מ׳גייט באלד זאגן פרקי אבות, כמנהג חב״ד צו זאגן דעם פרק בכל שבתות הקיץ, וואס דעם שבת פארענדיקט מען פרקי אבות, מיט זאגן די לעצטע צוויי פרקים - פרק ה און פרק ו - כפליים

לתושי׳.

התחלת פרק ה׳ איז ״בעשרה מאמרות נברא העולם״, וואס דאס איז פארבונדן מיט די טעג - וואס בכ״ה אלול נברא העולם, און די שלימות דערפון איז בבריאת אדה״ר בר״ה, ״זה היום תחלת מעשיך״, און דער המשך פון מעשינו ועבודתינו פון אידן בכל הדורות - דער ענין פון ״ה׳ ימלוך לעולם ועד״ בסיום פרק ששי.

און דער ענין פון ״בעשרה מאמרות נברא העולם״ חזר׳ט זיך איבער בכל רגע ורגע מחדש (כתורת הבעש״ט). אנהויבנדיק פון דעם ״מאמר אחד (יכול להבראות)״, וכידוע די צוויי פירושים בזה[28] - אז דאס גייט אויף כתר, שלמעלה פון די עשרה מאמרות, אדער אויף ספירת המלכות, דער סך-הכל פון די עשרה מאמרות. וואס כתר און מלכות איז פארבונדן מיט ראש השנה - ווען ס׳איז דא דער ״תמליכוני עליכם״, הכתרת הקב״ה למלך - ה׳ ימלוך לעולם ועד.

ווי ס׳וועט זיין בשלימות בגאולה העתידה - ה׳ ימלוך לעולם ועד באופן נצחי, צוזאמען מיט ״מקדש אד׳ כוננו ידיך״ (וואס שטייט פאר דעם). און אויך דער גילוי פון ״כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״, ובאופן נצחי - ״לעולם ירשו ארץ״, און אזוי אויך בנוגע צו תורה - ״רצה הקב״ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תומ״צ, שנאמר גו׳ יגדיל תורה ויאדיר״, ביז דער גילוי פון תורה חדשה מאתי תצא, באופן נצחי און באופן פון ״יגדיל תורה ויאדיר״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

*

28) המשך י״ט כסלו תש״ד.

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת לחשיג ה"התנחותי"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

לזכות

הרה״ח **יוסף יצחק** בן **אלטע נחמה גיטל**

וזוגתו **רבקה** בת **מתי׳ה**

ובי״ב

בלה ובעלה **חיים זאב** בן **יהודית**

וילדיהם **חנה, שלמה מרדכי ואפרים צבי בלוי**

מנחם מענדל דוב, חנה ורחל

יוזביץ

לזכות

יוסף יצחק בן **הינדא מלכה**
שטערנא שרה בת **רבקה בלימא**
חי׳ מושקא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **מנחם מענדל** בן **מארייאשא באדאנע שרה** גראנער
ובתם **חנה** בת **חי׳ מושקא**
ובנם **לוי** בן **חי׳ מושקא**
ובתם **דבורה לאה** בת **חי׳ מושקא**
שלום דובער בן **שטערנא שרה**
חנה בת **שטערנא שרה**
ובעלה **שניאור זלמן** בן **אסתר הדסה** ראסקין
ובתם **חי׳ גנעשא בת חנה**
דוד בן **שטערנא שרה**
פייגא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **אליהו צבי** בן **פערל** גורעוויטש
דבורה לאה בת **שטערנא שרה**
מנחם מענדל בן **שטערנא שרה**
נעכא רייזל בת **שטערנא שרה**
שניאור זלמן בן **שטערנא שרה**
פנינה יהודית בת **שטערנא שרה**

לו

לברכה והצלחה רבה בכל מעשה ידיהם
למעלה מן המשוער
ושיזכו לגרום רק נחת רוח
לכ״ק אדמו״ר נשיא דורנו

לזכות

שלום דובער הלוי בן **אסתר** ומשפחתו

שליט״א

לזכות

מושקא בת **דבורה לאה**

מנחם מענדל בן **דבורה לאה**

אליעזר בן **דבורה לאה**

מוקדש

לחיזוק ההתקשרות

להוד כ״ק אדמו״ר זי״ע